№ 27 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. צענגעטער יאָרגאַנג. פרייז 20 גראָשען. „CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאכאווער צייטונג

אַבאָנאַמענטס-פרייז: אַ נומער 20 גראָשען.
ביוראָ פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
פאַר'ן אינהאַלט פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך.

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה:
פאַר'ן טעקסט 40 גראָשען נאָכ'ן טעקסט 25 גראָשען
אין טעקסט 80 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט האַלט 8 אַנאָנסען שפּאַלטען.

פרייטאָג, פ' פנחס י"ח תמוז תרצ"א. ליכט-צינדען 7.47 Piątek, dnia 3 lipca 1931

קריינדל לאַפּידות ישכר בלומענפעלד
פערלאָבט
זאַווירטשע. טשענסטאָכאָוו.
אין יוני 1931 י.

צו דער תנאים פון אונזער זוהן און ברודער **ישכר בלומענפעלד**
מיט פרל. **קריינדל לאַפּידות** ווינשען א הארציגען מזל-טוב און
א בליהענדע צוקונפט
מוטער, געשוויסטער און **פאַמיליע.**

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער מיטגליד ה' **ישכר בלומענפעלד**
צו זיין תנאים מיט פרל. **קריינדל לאַפּידות** אויס זאַוויערטשע.
זאָל אייער לעבענס-וועג זיין בעצירהט מיט ליכטיגע זונען - שטראַהלען.
די פערוואַלטונג און **מיטגלידער**
פון **קאָאָפּעראַטיוו „טשאַפּניק".**

צו דער חאַכצייט פון פרל. **לאה טענדלער** מיט ה' **יהושע טענדלער**
ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט און צופרידענהייט אין זייער ווייטערדיגען לעבען.
א. פרידלענדער, ב. בליוויס,
י. דזיאַלאָווסקי, ל. וואָלהענדלער.

צוליעב די חתונות פון אונזערע קינדער זוהן, **אשר ווייינריב** מיט פרל. **ראָזא ביגעלאייזען** פון ביעלסק, טאָכטער **רוזשא ווייינריב** מיט ה' **ראָמאַן ניעזנאַ-נאָווסקי** טשענסטאָכאָוו, שפענדען מיר 50 זל. פאַר פאָלגענדע צוועקען: יתומים-הויז און מושב זקנים 10 זל., פרויען-פעראיין „עזרה" 10 זל., יודיש שפיטאָל 10 זל., בית לחם 10 זל., מחזיקי הדת 10 זל., צוזאמען 50 זל.
יוסף ווייינריב און **פרוי** אלעע 31.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד **אלעזר בורגמאַן** מיט פרל.
אסתר אַפּאַטשינסקא ווינשען מיר אַ אייביג גליקליך צוזאַמענלעבען.
העלאַ קאַנטאָר, פישל פפעפער.

בעקאַנטמאַכונג.
דערמיט מאַך איך בעקאַנט דאָס ג' פובליקום, אז מיין לאַנג-יעהריג
מאַנופאַקטור=געשעפט
אונטער דער פירמע **ויסמאַן קרויזע**
וועלכעס געפונט זיך אויף פראָסטע 3 ווערט פון ליפיעץ ד. י. איבערגעטראָגען אויפ'ן
נייעם מאַרק 6 (ביי דער אַפּטייק הויז ה' ווייטעלפיש)
איך בעזיץ אויף לאַגער א גרויסען אויסוואַהל פון אַלערליי מאַנופאַקטור-סחורות ווי: די בעסטע וואָל=שטאָפען, זיידען, מאַנטעל=סחורות, עטאַמינען, באַטיסטען, טיכער, פערשיעדענע קאָלדערעס אַלעראַרט ווייס=וואַרען א. ד. ג.
צו קאָנקורענץ=פרייזען.
האָפענטליך, אַז דאָס געעהרטע פובליקום וועט ווייטער ווי ביז-איצט מאַכען ביי מיר די איינקויפען
פערבלייב איך מיט אַכטונג **ויסמאַן קרויזע.**

געשמאַקע פרישע מיטאַגען
ווערט אַרויסגעגעבען טעגליך פון 12 ביז 3 נאַכמיטאַג
אין דעם לאַנגיעהריגען רעסטאָראַן פון
מיכאל הערץ, אַלעע 5 №
רעכנענדיג זיך מיט דער קריטישער צייט, האָבען מיר בעשלאָסען צו מאַכען א גרויסען אומזאַץ און אַ מינימאַלען פערדינסט, כדי די קונדען צופרידענצושטעלען.
מיטאָגען צום פרייז פון 1.50 ביז 3 זלאָטעס.
ווילט איהר אָבעסען א גוט געשמאַק מיטאַג און פאַר א ביליגען פרייז
דאַן בעזוכט אונזער רעסטאָראַן און איהר וועט העכסט צופרידען זיין.

בעקאַנטמאַכונג.
די פערוואַלטונג פון דער **באַנק קופּיעצקי,**
איז מודיע, אַז פון ערשטען יולי ד. י. איז די
באַנק איבערגעטראָגען געוואָרען פון סטראַשזאַצקע 10
אויפ'ן נייעם מאַרק 13 ערשטער שטאָק.
די באַנק איז טעטיג טעגליך פון 9 ביז 1 פאַרמיטאָג
און פון האַלב 3 ביז 4 נאָכמיטאג.
פרייטאָג און ערב יום-טוב פון 9 ביז 2 מיטאָג.
שבת און יום-טוב איז די באַנק געשלאָסען.

בעקאַנטמאַכונג.
איך מאַך בעקאַנט אז איך האָב געעפענט
א פריזיר=אַנשטאַלט
אויף נאַרוטאָוויטשאַ 50
וואָס איז איינגעאָרדענט לויט די נייעסטע פאָדערונ-גען פון היגיענע.
א ספעציעלע אָבט. פאַר דאַמען - פריזור.
שנעלסטע און רעיעלסטע בעדינונג.
מיט אַכטונג
N. Szeuwald Narutowicza 50
געוו. מיטאינהאבער פון פריזיר-אַנשטאַלט „סאַניטאַס".

מעלדונג.
די אַלע געזעלען וואָס האָבען זיך פערשריבען אויף די 2 וואָכענדיגע קורסען דאַרפען זיך מעלדען זונטאָג ד. 5 יולי פונקטליך 6 אָוועגד אין דער קאַנצע-לאַריע פון דער האַנדווערקער-שולע גאַרנצאַרסקאַ 8|10
די פערוואַלטונג.

וויכטיג פאַר די ה"ה הויזווירטען!
איך נעם אַן אויסצופערטיגען די
קויטשוק=סטעמפּלען צו מעלדונגס=ביכער
אויף הויז-און וואוינונגס-נומערען,
וואס זענען נויטיג פאַר די הויזווירטען לויט דער פעראָרד-נונג פון מיניסטעריום.
מיין לאַנג-יעהריגע פּראַקטיק איז די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דער רעיעלער אויספיהרונג. מיט אַכטונג
גראַוויר=אַנשטאַלט ר. פישמאַן, אַלעע 10

וויכטיג פאַר ה"ה הויז-בעזיצער!
מעלדע = סטעמפּלען, הויז = שילדען, וואוינונגס = נומערן לויט מאַגיסטראַט=פאַרשריפטען
צו ביליגע פרייזען
בעקומט מען אין גראַוויר-אַנשטאַלט
28 UL. N. MARYI PANNY
10
ש. שטשעקאַטש, 2 אַלעע 28.

בעקאַנטמאַכונג.
א אנשטענדיגע חברה אָדער מנין ווערט געזוכט
זיך אַנצושליסען אין דער שוהל טאַרגאָוואַ 15.
עס קענען אויך זיין איינצעלנע מיטגלידער, זאָגאַר אָהן איינקויף געלד. ווענדען זיך צו די ה"ה
העניך ווייס, קראַקאָווער 6
לייזער ברוין, סענאַטאָרסקאַ 26
די פערוואַלטונג.

א נדן פון 5 ביז 50.000 זל.
קען בעקומען יעדער, וואס צאַהלט איין קליינע סומעס פון 5 זלאָטעס אָן, שוין נאָך 6 חדשים. פאָדערט אינפאָרמאַציעס און פראָספעקטען פון
„POMOC RODZINNA" sp. z ogr. odp.
Warszawa, Fredry 10.

מעלדונג.
די יודישע רעליגיעזע אַרבייטער-אָרגאַניזאַציע „פועלי אגודת ישראל" האָט זיך לעצטענס איבער-געטראָגען אין אַ נייעם פאַסיגען לאָקאַל אויף דער וואַרשאַווער גאַס 17, וואו זי הויבט אָן אַנ'אַקטיווע טעטיגקייט אויף אַלע געביטען, אַזוי צ. ב. ש. ווערט יעדען שבת פון 4—6 געלערנט „פרקי אבות" אונ-טער דער לייטונג פון אַ קוואַליפיצירטען פעדאַגאָג. ביי דער אָרגאַניזאַציע איז אויך טעטיג א לעזע-זאַל און אַ ביבליאָטעק. זונטאָג דעם 5 יולי 8 אָוועגד די ערשטע אַלג. גרינדונגס-פערזאַמלונג.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פריינד **הירשל פריימאַן** און **פאַמיליע** צום טויט פון זייער פאָטער
נ"ע וואָלף
זייט געטרייסט.
ליבטשע און **זלמן ווינדמאַן**
ביילה און **אברהם פרידמאַן.**

הארציגער פריינד **הירשל!**
אין דיין גרויסען צער זיי געטרייסט.
שמואל פראַנק.

טעאַטער קאַמעראַלני. זונטאָג 5 יולי 9 אָוועגד
קאָנצערט פון יודישען וואָרט
דורכ'ן פרעמיער פון דער ווילנער טרופּע
יעקב ווייסליץ
אין פּראָגראַם: חסידיש פון י. ל. פרץ, פאָלקסטימליכעס — ש. אַש, הומאָר און סאַטירע פון משה נאַדיר, דוד בערגעלסאָן, לייוויק א"א.
בילעטען פון 60 גר. ביז 150 זל. אין דרוק. פון ה' באַטשאַן

אַ האַרציגען יישר כח
זאָגען מיר דער פערוואַלטונג פון האַנדווערקער-פערבאַנד אין די פערזאָנען פון אונזער חשוב'ן פרעזעס ה' ד"ר גייסלער, סאַמועל קאַץ און סעקרעטאַר ה' שטשעקאַץ ווי אויך דעם פרעזעס פון קעלצער האַנדווערקער - פערבאַנד ה' גוטמאַן פאַר זיין אַפּפערוויליגער אַרבייט, בעזונדערס דעם ג' פרעזעס ה' ש. גאָלדשטיין פאַר זייער אינטערווענץ ביי דער געהעריגער מאַכט, אַז מען זאָל נישט שליסען א גאַנצע רייהע בעקערייען, וואס האָט געדראָהט פער-מאַכט צו ווערען.

זאָל זיי גאָט געבען הצלחה אין זייער ווייטערדיגער אַרבייט לטובת דער יודישער בעפעלקערונג.

דערביי מוזען מיר בעמערקען, אַז ליידער האָט קיינער פון דער פער-וואַלטונג פון בעקער-צעך זיך נישט פעראינטערעסירט מיט'ן גורל פון די בע-דראָהטע בעקערייען, אויסער דער ג' צעך-מיסטוש ה' **הירצקע אופנער** וועל-כער האט זיך נישט געלאָזט בעאיינפלוסען פון שלעכטע מענשען און זיך אָב-געגעבען מיט'ן גרעסטען מסירות נפש פאַר אונזער זאַך.

אונזער האַרציגער דאַנק און אויסדרוק פון צוטרוי פאַר'ן מיסטוש פון אונזער צעך, ה' אופנער.

אין נאָמען פון א רייהע בעקער-מייסטער
נחמן אוויעטשקע, לייב פשעראָווסקי.

בעקאַנטמאַכונג.
אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פעראָרדנונג פון מיניסטעריום וועגען נומע-רירען די הייזער און וואוינונגען, מעלדעט דער יודישער מעטאַל-צעך, אַז ביי די אונטען אויסגערעכענטע גראַווירער קאָן מען בעשטעלען שילדלעך ווי אויך מעלדונגס-סטעמפּלען, וועלכע ווערען אויסגעפיהרט גענוי לויט די פאַרשריפטען פון מאַגיסטראַט
ר. פישמאַן, אַלעע 10
י. בראַנדעס, אַלעע 7
ש. שטשעקאַץ, אַלעע 28
ש. בראַנדעס, אַלעע 12.

בעמערקונג: לויט דער ערקלערונג פון שטאָדט-קאָמיסאַר פאַר אונזער דעלעגאַציע פון צעך קאָן מען די אויבענדערמאָנטע שילדלעך און סטעמפּלען בעשטעלען ביי יעדען גראַווירער.
די פערוואַלטונג פון מעטאַל - צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

מיט גרויס צער און וועהטאָג זענען מיר מודיע, אַז אין עלטער פון 68 יאָהר איז געשטאָרבען אונזער מאַן און פאָטער
נ"ע וואָלף פריימאַן
די לויה איז פאָרגעקומען דינסטאָג, ד. 30 יוני 1930 (ט"ו תמוז תרצ"א)
גלייכצייטיג דריקען מיר אויס אונזער איניגסטען דאַנק די אַלע, וועלכע האָבען אַנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד.
די אין טיעפען טרויער פערבליבענע
פרוי, זיהן, טעכטער, שנירען, איידעמס, איניקלעך און **פאַמיליע.**

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער פערוואַלטונגס-מיטגליעד **הירשל פריימאַן** און **פאַמיליע** צום טויט פון זייער פאָטער
נ"ע וואָלף
אין זיין ווייטערדיגע אַרבייט לטובת די יודישע האַנדווערקער - מאַסען זאָל ער א טרייסט געפונען.
די פערוואַלטונג פון יודישען בלעכער-צעך
אין טשענסטאָכאָוו.

דער מאָנומענט.

(צום היינטיגען כ' תמוז).

קומענדען זונטאָג, כ' תמוז, איז ווי בעוואוסט דער יאָהר-טאָג פונ'ם פערשטאָרבענעם גרויסען ציוניסטישען מנהיג ד"ר טעאָדאָר הערצל ע"ה.

אויב ד"ר הערצל איז אַמאָל געווען פעררעכענט אַלס פיהרער פון די ציוניסטען און איז געווען פערהייליגט אין די ציוניסטישע רייהען אַלס דער שעפער פון דעם פּאָליטישען ציוניזם, איז ער היינט צום טאָג פערעהרט ביים גאַנצען יודישען פאָלק, ביי אַלע יודישע שיכטען, וועלכע שטעהען אויפ'ן באָדען פון דער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

ציוניזם, קלאָרער געזאָגט ארץ-ישראל איז היינט נישט מעהר קיין ענין פון בלויז ציונים, פון די וואָס זענען איינגעשריבען אַלס מיטגלידער אין וועלכער ס'איז ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער פעדעראַציע, אין דעם ענגען זין פון וואָרט, אויב מען נעמט דעם קערן, דעם יסוד פונ'ם ציוניזם, וועלכער בעשטעהט אינ'ם צוריקקעהר פונ'ם יודישען פאָלק קיין א"י, אינ'ם אויפבוי פון אַ יודישער היים אין אונזער אור-אַלטער ארץ-אבות, אויב פון דעם שטאַנדפונקט גענומען זענען כמעט אַלע יודען, פערשטענדליך די וואָס לייקענען נישט אין יודישען עבר און עתיד, אַלע זענען זיי ציוניסטען, זיי האָבען אַלע די זעלבע שטרעבונג, דעם זעלבען אידעאַל וואָס עס האָבען די דעקלאַרירטע ציונים.

און אַלע מוזען דאָך אנערקענען, אַז דאָס וואָס דער ציוניזם איז אריינגעטרעטען נאָך דעם וועלט-קריעג אין דעם מצב פון פערווירקליכען דעם שטענדיגען גלות-טרוים פון שיבת-ציון, דאָס וואָס אַלע פעלקער פון דער וועלט האָבען אנערקענט די יודען אַלס פאָלק און א"י אַלס דעם לאַנד אויף וועלכען זיי האָבען געוויסע היסטאָרישע רעכט, איז דאָס נאָר אַ דאַנק דער ענטשטעהונג פון פּאָליטישען ציוניזם וועמענ'ס שעפער עס איז געווען ד"ר הערצל.

ער איז דאָך געווען דער ערשטער וואָס האָט ארויסגעטראָגען דעם געדאַנק צו פערווירקליכען דאָס שאַפען אַ „מדינת היהודים“ אַ יודענשטאַט אין ארץ-ישראל, און מיר זעהען דאָך מיט אונזערע אויגען ווי זיין אידעאַל, וועלכען דער רוב יודען האָט געהאַלטען פאַר אַ חלום, ווערט פערווירקליכט, מעג עס געהן שווער, זעהר שווער, מעגען זיך אויפ'ן וועג פון דער פערווירקליכונג שאַפען פון צייט צו צייט פערשידענע שטרויכלונגען אָבער מיר זענען זיכער, אַז דאָס יודישע פאָלק שטעהט נעהנטער אָדער עטוואָס ווייטער פון דער פערווירקליכונג, וועלכע ווערט און מוז קומען.

צוזאַמען מיט'ן פּאָליטישען ציוניזם האָט ד"ר הערצל געשאַפען דעם קאָנגרעס, דעם פאָלקס - טריבון, וועלכער זאָל שטעהן אויף דער וואַך פון דער אויפבוי-אַרבייט, וועלכע זאָל וועקען און רופען אַזוי דאָס יודישע פאָלק ווי אַלע וועלט-פעלקער צו פערווירקליכען דעם הויכען אידעאַל.

ער, דער שעפער פון ציוניזם האָט זיך ביים לעבען אַ מאָנומענט, אַ מצבה געשטעלט, דאָס איז דער קאָנגרעס, וועלכער איז דער בולט'סטער און קלאָרסטער בעוויז אַז זיין אידעאַל דרינגט וואָס אַמאָל טיעפער אריין אין די הערצער פון יודישען פאָלק.

אָבער ער האָט זיך געוויס נישט געקענט פאָרשטעלען אַז אין די ציוניסטישע רייהען, אין די רייהען פון יענע, וועלכע זענען אַלע פעראייניגט אין איין גרויסער און ערהאָבענער פאָלקס-אויפגאַבע, זאָל קענען הערשען אַזאַ פירוד, אַזאַ שרעקליכע צושפליטערונג ווי דאָס איז היינט צו טאָג, און ער וואָלט זיך פאַר קיין פאַל נישט פאָרגעשטעלט אַז די זיהן פון יודישען פאָלק זאָלען קומען צום קאָנגרעס, צו דער גרויסער פאָלקס - טריבונע מיט אַזאַלכע געגענגעזעצטע מיינונגען, מיט אַזאַלכע צוהיצטע געמיטהער, פול מיט קאַמף און פּולווער, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט ביים איצטיגען קאָנגרעס.

דער קאָנגרעס קומט דאָך פאַר אינ'ם יאָהר-טאָג פון זיין שעפער, וועלכער האָט געשטרעבט צו אחדות און שלום פון אַלע יודען און די אויפגאַבע פון קאָנגרעס מיז זיין פאַר קיין פאַל נישט צו פערשוועכען די מצבה פון גרויסען מנהיג, דורך קאַמף און מחלוקות. די דעלעגאַטען אויפ'ן קאָנגרעס מוזען אָבהיטען דעם גרויסען מאָנומענט פונ'ם גרויסען מנהיג און זיך בעמיהען אַז די פאַרב פון שלום און אחדות זאָל נישט אויסגעמעקט ווערען פון דער מצבה פון דעם מאָנומענט וואָס ער האָט זיך ביים לעבען געשטעלט.

י. פ.

די פייערליכע ערעפנונג פון 17=טען קאָנגרעס.

דינסטאג דעם 30 יוני האָט זיך אין באַזעל געעפענט דער 17-טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין דעם גרויסען און הערליכען זאַל פון דער מוסטער-מעסע, וועלכער איז געווען דעקאָרירט מיט ציוניסטישע און שווייצאַרישע פאָהנען, און איבער'ן בנין פון קאָנגרעס-הויז האָט געפלאַטערט די ציוניסטישע ווייס-בלויע פאָהן.

דער זאַל איז געווען פול געפּאַקט פון דעלעגאַטען און געסט, אויך פאָרשטעהער פון דער שווייצאַרישער רעגירונג, פון דער ענגלישער רעגירונג, און פון פעלקער-בונד, עס איז אויך געווען אנוועזענד דער פּוילישער גענעראַל-קאָנסול אין ניו-יאָרק ד"ר מאַרכלעווסקי, וועלכער געפינט זיך צופעליג אין דער שווייץ, אין נאָמען פון דער שווייצאַרישער רעגירונג האָט דעם קאָנגרעס בעגריסט דער פּרעזידענט פון שווייצאַרישען בונדעס-ראַט.

די ערעפנונג איז פאָרגעקומען 9 אַזייגער אָוועָנד נישט ווי שטענדיג, דורכ'ן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד"ר ווייצמאַן, נאָר דורכ'ן פּרעזידענט פון דער עקזעקוטיווע נחום סאָקאָלאָוו, וועלכער האָט אויך געהאַלטען די ערעפנונגס-רעדע וועלכע איז אויסגעהערט געוואָרען דורכ'ן גאַנצען קאָנגרעס מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט.

דער קאָנגרעס-געריכט האָט פעסטגעשטעלט די וועריפיצירונג פון 253 מאַנדאַטען, אויך די מאַנדאַטען פון 2 פערזאָן אַלס פערטרעטער פון רוסישען ציוניזם וואָס האָט נישט קיין מעגליכקייט צו שיקען דעלעגאַטען צום קאָנגרעס.

מיטוואָך דעם 1 יולי אויף דער פּאַרמיטאַג-זיצונג איז פאָרגעקומען דאָס אויסוועהלען דאָס פּרעזידיום פון קאָנגרעס, אַלס פּרעזידענט איז אויסגעוועהלט געוואָרען לעאָ מאָצקין, און 12 פּרעזידיום מיטגלידער.

אויף דער זעלבער זיצונג האָט געהאַלטען זיין פּאָליטישען עקספּאָזע ד"ר חיים ווייצמאַן, ווען ד"ר ווייצמאַן האָט זיך בעוויזען אין קאָנגרעס - זאַל אין ז'ער שפּיץ פון דער עקזעקוטיווע איז ער בעגריסט געוואָרען דורך לאַנגע אַפּלאָדיסמענטען, די עקספּאָזע פון ד"ר ווייצמאַן האָט געדויערט דריטהאַלבען שעה, און פיעל געסט האָבען די רעדע אויסגעהערט שטעהענדיג, אין סוף פון זיין רעדע ערקלערט ד"ר ווייצמאַן אַז זיין רעזיגנאַציע פון דער פּרעזידענטשאַפט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע איז ענדגילטיג און מעהר נישט אָבצורופען, היינטיגען טאָג לעגט ער זיין מאַנדאַט פאָרמעל און דעפיניטיוו.

די דאָזיגע ענדגילטיגע ערקלערונג פון פּרעזידענט ד"ר ווייצמאַן האָט אויף דעם גאַנצען קאָנגרעס געמאַכט אַ אומגעהויערען איינדרוק.

נאָך פאַר דער ערעפנונג פון קאָנגרעס איז בעשטימט געוואָרען אַז דער קאָנגרעס וועט דויערן אַ וואָך צייט.

עס ווערט בעמערקט אַז דאָס מאָל איז די צאָהל אנוועזענדע געסט בעדייטענד קלענער ווי אויף אַלע פריהעריגע קאָנגרעסען, איז דאָס שרייבט מען צו דעם גרויסען קריזיס וואָס הערשט אויף דער גאַנצער וועלט.

כ' תמוז.

כ' תמוז, דעם 5 יולי פאַלט אויס דער יאָהרצייט פון טעאָדאָר הערצל.

27 יאָהר צוריק האָט זיך אָבגעשטעלט דאָס אנגעוועהטאָגטע הארץ פון דעם גרעסטען יוד פון אונזער דור. דער פּראָטעסט פונ'ם מאָדערנעם אויפוואַכענדען יודענטום. אין ליכט פון זיינע געדאַנקען געהען יעצט מיליאָנען פרייהייט-שטרעבענדע יודען. צעהנדלינגער טויזענדער יוגענדליכע האָבען זיך אויסגעלערנט ביי איהם צו ליבען דאָס פאָלק און פאַר זיין צוקונפט זיך מקריב צו זיין.

דאָס גאַנצע יודישע לעבען איז טראַנספאָרמירט געוואָרען אין טאָג, ווען דער גרויסער פיהרער האָט געעפענט דעם 1-טען ציוניסטישען קאָנגרעס, וועלכער איז געווען דער אַקומולאַטאָר פון די יודישע צרות און האָפנונגען, פון ענערגיע און שאַפונג.

אין טאָג פון היי-יאָהריגען כ' תמוז וועלען נאָך דויערן די פערהאַנדלונגען פונ'ם 17-טען ציוניסטישען קאָנגרעס פונ'ם גורל-קאָנגרעס פאַר דער בעוועגונג. מיליאָנען יודען וועלען צושמידען צו דעם וואָס וועט זיך טהון אין באַזעל, וואו ס'איז געשטאַנען דאָס וויגעלע פונ'ם פּאָליטישען ציוניזם. אין דעם טאָג וועט יעדער יוד, יעדער ציוניסט נאָך טיעפער בעגרייפען וואָס הערצל איז געווען פאַר זיי, פאַר זייער עתיד.

אין פערשידענע פונקטען פונ'ם בויענדען זיך א"י געפונען זיך יונגע וועלדער, וועלכע היובען אָן פערשפּרייטען אין די הייסע אָריענט-טעג זייער שאָטען איבער דעם אָנגעגליהטען יודישען באָדען, געזונד ווערט די לופט אין די אַמאָל-בלאָטיגע ערטער, וועלכע זענען מיט יודישע הענד געטריקענט און פערוואַנדעלט געוואָרען אין הערליכע אַרבייטס-ישובים.

דאָס איז דער שענסטער, אייביגער, יונגער, בליהענדער דענקמאָל פאַר'ן פיהרער, פאַר'ן וועג-ווייזער.

דער יער-הרצל—די גרינע בוימלעך אויף דעם נאַציאָנאַלען באָדען פון קרן קימת איז דער מאָנומענט, וועלכען די בעפרייאונגס-בעוועגונג האָט אויפגעשטעלט אויף דור דורות.

צוזאַמען מיט'ן וואוקס פון דעם ענטשקלאָפטען פאָלק, צוזאַמען מיט דער מעהרונג פון נייע פעסטע לעבענס-פּאָזיציעס וואַקסט אין א"י אויך דער יער-הרצל.

היי-יאָהר כ' תמוז וועט דאָס פּוילישע יודענטום פלאַנצען נייע וועלדלעך טויזענדער נייע בוימלעך אין גרויסען וואַלד פון דעם בעגרינדער און פערווירקליכער פון אונזער רענעסאַנס.

יעדער יוד וועט אין דעם טאָג אויסקלעבען אין זיינע הויז-פענסטער, געשעפטען, וואַרשטאַטען, ביוראָ'ס, שולען אא"וו די הערצלינאַלעפּקעס, וועלכע די קק"ל קאָמיסיעס אין אַלע שטעדט וועלען פערקויפען.

די צוגענגליכע פרייזען (25, 50 גר., 1 זל. און 3 זל.) וועלען דערמעגליכען יעדען נאַציאָנאַלען יוד בייצוטראָגען זיין תרומה פאַר דער בעפעסטיגונג פונ'ם הערצל-דענקמאָל. ס'וועלען זיכער אויך נישט פעהלען די וואָס וועלען זעלבסטשטענדיג פלאַנצען גאַנצע בוימער (13.50 זל.) און בעקומען אויף דעם אַ ספּעציעלען דיפּלאָם.

דאָס פּוילישע יודענטום וועט ווירדיג שטיצען די היי-יעהריגע כ' תמוז אַקציע פון קק"ל און וועט זי תמיד ארויסווייזען די טיעפע ליעבע און פערשטענדניש צום שעפער פון דער נייער יודישער געשיכטע—צו טעאָדאָר הערצלען.

אַ טיכטיגער אַגענט

זוכט פערטרעטונגען אויף קליין-פּוילען צו פערקויפען אויף נאַכנאַהמע. ערקינדיגען אין רעדאַקציע פאַר ק.

פּפלעגט אייערע אויגען און קויפט אַלערליי ברילען נאָר אין דער פירמע אָפּטיק מעדיקאַל וואו איהר וועט בעדיענט ווערען אַמבעסטען פאַכמעניש געגנוי לויט די פאָרשריפטען פון די ה"ה אָקוליסטען. פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען און אַלע צודאַטען אויף ראַטעס אַזן פאַר קאַסע. זעהר ביליגע פרייזען.

Optyk Medical
Z. ERNER
(b. długoletni optyk w najwięk szych zakładach opt w Paryżu.)
ALEJA № 31.

ZEISS PUNKTAL

לאָקאַטאָרען = פעראיין

אין טשענסטאָכאָוו

דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג טעגליך פון 5 ביז 7 אָוועָנד.
בעראַטונגען וועגען וואוינונגס = פראַגען — אומזאָנסט.
איינשרייבונגען פון נייע מיטגלידער אויפ'ן אָרט אַלעע 12.

די פערפאָלגטע.

11)

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין איטאַליע, אין 19-טען יאָהר-הונדערט.

פריי פון העברעאיש דורך **י. געלזאָהן.**

(פאָרטזעצונג).

וועלכע שפּיאָנען מיינסטו דאָס, טייערע?—האָט געפרעגט וויקטאָר.

איך גלויב אַז די מענשען וועגען וועלכע איך האָב דיר דערצעהלט, אַז זיי זענען ביי מיין פאָטער געווען וועגען מיר, אַז זיי שפּיאָנירען אונז נאָך, צו וועלכען צוועק?

דאָס קען איך נישט וויסען, מעגליך האָבען זיי דערביי אַ וועלכען ס'איז צוועק, און דאריבער מוזען מיר זיך פאַר זיי היטען, דו קענסט זיי? — האָט געפרעגט ראָזאַ.

דעם שדכן קלמן וואָס דו האָסט אָנגערופען קען איך נישט, דאַגעגען דעם יונגען עקיבא האָב איך איינמאָל געזעהען און זאָגאָר מיט איהם גערעדט.

ווען האָסטו מיט איהם גערעדט?

דאָס איז געווען מיט אַ יאָהר צוריק, איך האָב דאַמאָלס געאַרבייט אַלס בעאַמטער אין האַנדעלס-הויז פון מאַקס ראַמינגוס, וועלכער איז געשטאָרבען און זיין איינציגע טאָכטער צעציליא, וועלכע האָט געירשנ'ט זיין גרויס פערמעגען, און וועלכע איז צו מיר נישט געווען גלייכגילטיג, האָט צו מיר געשיקט אַ פערמיטלער אַז איך זאָל מיט

נו?—איז ראָזאַ געוואָרען פעראינטערעסירט.

ווען איך האָב וועגען דעם נישט געוואָלט הערען איז זי זעלבסט צו מיר געקומען און געזאָגט:

הער אויס, פעלדמאַן, דו ווייסט איך בין יעצט אונגעהויער רייך, מיין גאַנץ פערמעגען שרייב איך איבער אויף דיין נאָמען, און לאָמיר זיך פעראייניגען, איך האָב דיך ליעב און אָהן דיר קען איך נישט לעבען.

און וואָס האָסטו איהר געענטפערט?

איך האָב איהר געענטפערט אַז איך קען נישט טראַכטען וועגען מיר ביז איך וועל האָבען בעפרייט מיין איינציגע שוועסטער פון די מערדערישע הענד אין וועלכע זי געפונט זיך.

דו האָסט אַ שוועסטער?—פרעגט ראָזאַ—און וואו איז זי?

וועגען דעם וועסטו ערפאַהרען שפּעטער, ווען איך וועל דיר דערצעהלען מיין לעבענס-געשיכטע—האָט געענטפערט וויקטאָר—אַזוי האָב איך איהר געענטפערט, אָבער זי האָט מיך ווייטער נישט אָבגעלאָזט און געזאָגט אַז ווען איך וועל האָבען גענוג געלד וועל איך גיכער קענען מיין שוועסטער בעפרייען.

טען ביי דאָס מייניגע, דאָס האָט זי שטאַרק אויפגערעגט, און ווען די דאָזיגע געשפּרעכען האָבען זיך עטליכע מאָל ווידערהאָלט אָהן ערפאָלג, איז זי אַוועק פון מיר זעהר אויפגערעגט, און ווען איך בין צומאָרגענ'ס געקומען אין ביוראָ, האָט דער פערוואַלטער מיר ערקלערט אַז איך בין ענטזאָגט פון מיין אַמט, ער האָט מיר בעצאָהלט געהאַלט פאַר זעקס צייט וואָס מיר איז געקומען און מיך ענטלאַסט.

און פאַרוואָס האָסטו ווירקליך נישט איינגעשטימט אויף אַזאַ רייכע פּאַרטיע וואו דו האָסט געקענט גליקליך זיין? — האָט געפרעגט ראָזאַ.

און פאַרוואָס האָסטו נישט איינגעשטימט אויף דער פּאַרטיע מיט דעם רייכען עקיבא?

ווייל איך האָב דיר שוין געהאַט פריהער געגעבען מיין וואָרט און מיר האָבען זיך געהאַט פעראייניגט—האָט געענטפערט ראָזאַ.

און איך האָב דיך שוין דאַמאָלס געליעבט, איך האָב דיך געהאַט איינמאָל געזעהען און מיין האַרץ האָט געטראַכט נאָר וועגען דיר.

אָה, ווי אַ נאַר דו ביזט געווען — האָט ראָזאַ געזאָגט שפּאָטיש — אָבער וואָס האָט דאָס צו טהון מיט עקיבא'ן?

יאָ, דאָס איז עס, ווען איך בין אַוועק פון די ראַמינגוס און בין געבליבען אָהן בעשעפטיגונג איז צו מיר אַמאָל געקומען אָט דער דאָזיגער עקיבא, און מיר פאָרגעלעגט אַ פּאָס-

נו.

איך האָב דעם מענש נישט געקענט, אָבער ער האָט אויף מיר אַ זעהר שלעכטען איינדרוק געמאַכט, אַזוי אַז טראָץ דעם וואָס איך האָב קיין בעשעפטיגונג נישט געהאַט האָב איך צו איהם נישט געוואָלט געהן.

און היינט האָסטו אַ וועלכע ס'איז בעשעפטיגונג?

איך בין היינט בעשעפטיגט ביי ה' גראַיעוויץ.

ביי גראַיעוויץ? — האָט ראָזאַ געפרעגט — און דו קענסט זיין טאָכטער עמיליע.

יאָ, איך קען זי — אָבער דו קענסט זי אויך?

אָה, דאָס איז מיין פריינדין, מיר האָבען דריי יאָהר געלערנט אין איין שולע און זענען ביז היינט די בעסטע פריינדינס.

און דו ווייסט אויך אַז זי ליעבט מיין פריינד אַלבערט?

אַזוי, דאָס ווייס איך נישט, זי האָט מיר וועגען דעם גאָרנישט געזאָגט, איבערהויפּט האָב איך זי שוין לאַנג נישט געזעהען, אָבער דערצעהל מיר טייערער וועגען דעם.

עמיליע האָט זיך בעקענט מיט מיין פריינד אַלבערט — האָט וויקטאָר געזאָגט שטיל אַז אַלבערט זאָל אין צווייטען צימער נישט הערען זיינע ווערטער — און ביידע האָבען זיך פערליעבט, אָבער איהר שטיפמוטער לאָזט

הייראַטען מיט איהר שטיפברודער.

איבעראַל די זעלבע געשיכטען — האָט ראָזאַ טרויריג געזאָגט — אַלע ווילען זיך שטעלען אויפ'ן וועג פון אונזער גליק.

ווידער האָבען מיר זיך צורעדט וועגען זייטיגע זאַכען — האָט וויקטאָר געזאָגט — און עס קומט אַלס נישט אויס אַז איך זאָל דיר דערצעהלען מיין לעבענס-געשיכטע.

אָבער איך האָב נאָכנישט געענדיגט דאָס וואָס כ'האָב דיר געזאָגט אַז מיר מוזען זיך היטען פאַר עקיבא'ן מיט זיין שותף קלמן.

ווי קומסטו צו דעם?

ווייל ווען איך בין געגאַנגען אהער צו דיר, האָט מיך געטראָפען עקיבא און מיך געפרעגט וואו איך געה אין אַזאַ רעגען, און ווען איך האָב איהם געענטפערט אַז דאָס איז מיין פּריוואַט-זאַך, איז ער אַוועק ברוגז, און מיר אַ לענגערע צייט נאָכגעקוקט.

יאָ, דאָס זענען געפעהרליכע מענשען — האָט וויקטאָר געזאָגט — אָבער מיין רעוואָלווער אָהן וועלכען איך געה נישט, וועט אונז אָבהיטען פון זיי.

איצט דערצעהל דיר מיין געשיכטע, איך וועל אריינרופען אונזער פריינד אַלבערט און זאָל ער אויך הערען — האָט וויקטאָר געזאָגט, און גערופען אַלבערט'ן פון צווייטען צימער.

(פאָרטז. קומט)

פון וואך צו וואך.

צו קען שוין צו קיין פערשטענדיגונג כלל נישט קומען?

ווען מען קוקט זיך צו עטוואס נעהנ־טער צו אונזער יודיש־פאליטישען לע־בען און מען זעהט מיט וואסע־רע רעזיגנאציע און גלייכגילטיגקייט אונזערע פארטיי־פיהרער רעדען וועגען א מעגליכער פעראייניגונג, א מעגלי־כער קאנסאלידירונג פון אלע יודישע כוחות, ווי אזוי זיי האלטען דאס פאר א אונמעגליכער זאך וועגען וועלכער עס לאזט זיך כלל נישט טראכטען, ווערט באמת זעהר טרויריג אויפ'ן הארצען.

קיין ווארשא איז געקומען דער פארשטעהער פון די אמעריקאנער ציוניסטען רעד. אב. גאלדבערג וועגען ארומרעדען מיט די פוילישע יודען דעם פלאן פון צונויפרופען א אלוועלטליכען יודישען קאנגרעס.

די דאזיגע אידעע איז נישט קיין נייע, שוין עטליכע יאהר ווערט וועגען דעם ערנסט געטראכט צווישען די יודען פון אלע אייראפעאישע לענדער, איבערהויפט צווישען די אמעריקאנער יודען, ה' גאלדבערג איז געקומען מיט די בעסטע כונות. אז אזא יודישער קאנגרעס איז אין דער איצטיגער צייט זעהר נויטיג און וויכטיג ווייסען מיר אלע, און פארט איז כאראקטעריסטיש אז די קאנפערענץ וואס ה' גאלדבערג האט צו דעם צוועק צונויפגערופען אין ווארשא, האט זיך וועגען דעם קאנ־גרעס ארויסגעזאגט מיט די גרעסטע סימפאטיעס, אבער דאביי האט די מעהרהייט אויסגעדריקט איהר מיינונג, אז אזא קאנגרעס קען נישט צושטאנד קומען צוליעב דעם וואס די יודישע מיינונגען זענען פערשידען, און מען וועט זיך נישט קענען פערשטענדיגען, זיי זענען געווען צו דער דאזיגער וויכטיגער זאך אזוי פעסימיסטיש גע־שטימט אזוי ווי דאס וואלט געווען א ענין פון דער קלענסטער וויכטיגקייט, וועגען וועלכען עס לוינט זיך נישט פיעל אבצושטעלען און זיך דאביי עט־וואס אנצושטרענגען.

די גרעסטע מעהרהייט פון די אנ־וועזענדע האט זיך ארויסגעזאגט אז דאס צוזאמענרופען אזא וועלט־קאנגרעס קען נישט צושטאנד קומען צוליעב דער שרעקליכער צושפליטערונג וואס הערשט צווישען די יודען אין פוילען, וועלכע וועלען זיך בשום אופן נישט קענען פעראייניגען צו א געמיינזאמער פרוכט־בארער טעטיגקייט, מעג זי זיין ווי ווייט נויטווענדיג.

אט איז אונזער לאגיק.

א וועלט־קאנגרעס איז נויטיג, די יודישע לאגע אין אלע לענדער, פא־ליטיש, קולטורעל, און עקאנאמיש, איז טרויריג, שרעקליך טרויריג, און עס איז אומבעדינגט נויטיג דאס קאנסאלי־דירען זיך פון אלע יודישע כחות, דאס שאפען אזא טריבונע וועלכע זאל רעפ־רעזענטירען דאס גאנצע 17 מיליאניגע יודישע פאלק, ה' גאלדבערג האט זא־גאר געהאלטען אז אזא טריבונאל וועט בעקומען אויך א פערטרעטער אין דער העכסטער אינסטיטוציע — אין פעלקער־בונד, און פארט זאגען זיך ארויס די פארשטעהער פון פוילישען יודענטום אז מען קען זיך צו דעם נישט נעמען ווייל די יודען צווישען זיך זענען נישט אייניג, ווייל מען רייסט זיך און בייסט זיך ארום צווישען זיך, און מען קען זיך נישט אוועקזעצען ביי איין טיש.

און פארוואס טראכט מען נישט אז די דאזיגע יודען, די יודען וואס רייסען זיך ארום צוליעב קליינליכע פרינציפען וכדומה, וועלען אפשר מותר זיין אויף זייערע קרעמלעך לטובת דער אלגע־מיינער זאך, לטובת דעם כלל ישראל? מען וויל זיך אין דעם נישט אריינ־טראכטען, מען וויל נישט ברענגען אויפ'ן געדאנק אזא זאך אז ס'איז מעגליך א פעראייניגונג, אז דאס גע־יאגטע און געפלאגטע יודישע פאלק, זאל ווערען רייף און דערוואקסען צו פערשטעהן, אז מיט'ן ארומרייסען זיך וועט מען די אלגעמיין יודישע לאגע נישט פערבעסערן.

און, ווי געזאגט, טהוט וועה דאס הארץ ווען מען זעהט ווי ווייט די שנאה, דער פארטיי־האס איז ביי אונז איינגעווארצעלט, ווי ווייט דער פירוד דערגרייכט, אז אנשטאט צו טראכטען ווי אזוי דעם פירוד צו בעזייטיגען רעזיגנירט מען בעסער פון דעם וויכ־טיגסטען וואס מיר דארפען, און וועגען קיין פעראייניגונג ווייל מען כלל נישט טראכטען.

אין באזעל קומט פאר דער 17־טער קאנגרעס. מיר ווילען נישס און קאנען נאך איצט נישט רעדען וועגען ז'עם גאנג פון קאנגרעס, און אויף ווי ווייט עס זעהט זיך דארט ארויס די גרויסע מיינונגס־פערשידענהייטען, און די שטארקע חלוקי דעות וואס הערשט צווישען די דעלעגאטען, עס איז אבער כדאי זיך אבצושטעלען אויף דער שטי־מונג וואס האט געהערשט צווישען די דעלעגאטען, איידער זיי זענען אויפ'ן קאנגרעס געפאהרען.

מיר ווייסען אז דער איצטיגער קאנ־גרעס האט צו ענטשיידען וועגען די וויכטיגסטע פראגען, וועגען די גרונד־יסודות פון ציוניזם, אייגענטליך ווע־גען דער צוקונפט פון ארץ־ישראל, נאך קיינמאל, כמעט אויף קיין שום קאנגרעס זענען די דאזיגע וויכטיגע פראבלעמען נישט געווען ארויסגערוקט אזוי בולט ווי איצט, ווען עס שאקלען זיך די פונדאמענטען, די גרונד־שטיי־נער אויף וועלכע די גרויסע און מעכ־טיגע פאלקס־בעוועגונג האלט זיך, עס איז אויך איבריג צו בעטאנען אז נאך קיינמאל האט נישט געהערשט אזא צושפליטערונג צווישען די ציוניסטישע רייהען ווי איצט, און אז די דאזיגע צושפליטערונג, דער דאזיגער פירוד, ווערט פון טאג צו טאג גרעסער און ברייטער.

און פארט?

האט מען כמעט נישט געהערט פון קיינעם פון די פארטיי־לידער, עס מיינט צו זאגען פון די וואס שטעהען אין דער שפיץ פון די פערשידענע ציוניס־טישע גרופירונגען, וואס פיהרען צווי־שען זיך א העפטיגען, שוין זאגאר צו העפטיגען קאמף, האט מען נישט גע־הערט פון זיי קיין איין ווארט וועלכעס זאל אונז לאזען טראכטען אז זיי, די אנפיהרער, וועלען זיין עטוואס בויג־זאמער, עטוואס נאכגיביגער, בנוגע די מיינונגען און אנשויאונגען פון די געג־נער, כדי די ארבייט אויפ'ן קאנגרעס זאל קענען געהן איהר נארמאלען גאנג, כדי די מוחות זאלען נישט זיין פערנומען מיט קאמף און נצחון, נאר מיט גע־מיינזאמער נארמאלער און פרוכטבארער ארבייט.

דער זייטיגער צושויער, דער מענש פון פאלק, וועלכער שטרעבט מיט אלע זיינע חושים און געפיהלען, מיט זיין גאנצען הארצען, צו זעהען ווי די אויפ־בוי־ארבייט אין א"י געהט מיט יעדען טאג שענער און בעסער, ווי אונזערע הייליגסטע אידעאלען ווערען פאר אונ־זערע אויגען פערווירקליכט, ווען דער דאזיגער מענש זעהט ווי אזוי אונזערע שליחים זענען געגאנגען צום קאנגרעס, ווי מען האט נאר גערעדט וועגען זיעג און מפלה, נישט פון קיין אנדערע ווי פון די אנדערע ציוניסטישע גרופירונ־גען, ווי אזוי מען האט זיך געגרייט ווי סאלדאטען אויפ'ן שלאכטפעלד, צו בע־נוצען וואס מעהר פולווער און אויפ־רייס מאטעריאל געגען דעם „שונא", ווערט מען געקרענקט ביז אין דער טיעפסטער טיעפעניש פון דער נשמה, און עס קרענקט דאס הארץ, ווייל מען האט מורא, ווייל עס נעמט ארום א

די אלגעמיינע פערזאמלונגען פון די קליינהענדלער־פעראיינען.

אין צוזאמענהאנג מיט דער פעראיי־ניגונג, וואס איז לעצטענס אדורכגע־פיהרט געווארען צווישען די 2 ביז איצטיגע עגזיסטירענדע קליינהענדלער־פעראיינען, איז דעם פערגאנגענעם מאנטאג פארגעקומען די אלגעמיינע פערזאמלונג פון געמיינזאמען פעראיין ווי אויך די ליקווידאציע פון קליינ־הענדלער און מארקשטעהער פעראיין מאסטאווא 8.

די ליקווידאציע פערזאמלונג.

4 אזייגער נאכמיטאג איז פארגעקו־מען די ליקווידאציע פערזאמלונג פון מארקשטעהער פעראיין מאסטאווע 8.

אלס פארזיצער ווערט געוועהלט דער ה' א. עפשטיין, אלס בייזיצענדע די ה"ה ש. קוויזע, י. דאנקאוויטש, מ. קראקויער, וו. גרינבוים.

דער פארזיצער רעדט ארום די אל־געמיינע ווירטשאפטליכע לאגע בכלל און די קאטאסטראפאלע סיטואציע פון יודישען קליינהענדלער בפרט און זאגט, אז אין אזא צייט מוז דער יודישער קליין סוחר האבען א פעסטע ארגאני־זאציע וועלכע זאל איהם קענען געהע־ריג פערטיידיגען און שיצען, צוליעב דעם אבער וואס אין דער שטאדט הא־בען די לעצטע יאהרען עקזיסטירט צוויי קליינהענדלער פעראיינען און דערמיט זענען די כחות אבגעשוואכט געווארען, איז דער יודישער קליינהענ־דלער פשוט געבליבען אינגאנצען אהן שוץ, דאס האט בעוואויגען די קליינ־הענדלער טהוער זיך צו פערטראכטען איבער דער געפעהרליכער לאגע און אלס רעזולטאט איז בעשלאסען געווא־רען צו פעראייניגען זיך מיט'ן אלטען פעראיין אלטער מארק 13, כדי אזוי ארום צו פערפעסטיגען די איינהייט־ליכקייט פון דער קליינהענדלער־ארגא־ניזאציע אין טשענסטאכאוו, דער רעד־נער ווענדעט זיך דעריבער צו די פער־זאמעלטע צו אקצעפטירען דעם דאזי־גען פארשלאג און צו ליקווידירען דעם פעראיין מאסטאווע 8.

נאך א לענגערע דיסקוסיע אין [illegible] ציטער, אז ביי אזא ארט האנדלונג, ביי אזעלכע בעציהונגען וועט מען ווייט נישט קענען קומען, וועט מען געוויס נישט קענען בויען און שאפען, אויסער ווען דער קאנגרעס, די פאק־טישע ווירקליכקייט זאל ענדערען די מיינונגען און די בעציהונגען, אין וואס מיר גלויבען מיט'ן גאנצען הארצען.

גאָט־חיים.

וועלכער עס האבען אנטייל גענומען א גרעסערע צאהל מיטגלידער ווערט דער פארשלאג וועגען דער ליקווידאציע בע־שטעטיגט.

מיט דעם ווערט די פערזאמלונג גע־שלאסען.

די געמיינזאמע אלגעמיינע פער־זאמלונג.

5 אזייגער האט זיך אנגעהויבען די געמיינזאמע אלגעמיינע פערזאמלונג פון אלע קליינהענדלער.

די פערזאמלונג עפענט ה' אדאלף עפשטיין וועלכער בעגריסט די פעראיי־ניגונג און ווינשט זיי א פרוכטבארע געמיינזאמע ארבייט לטובת דעם קליינ־הענדלערטום אין טשענסטאכאוו.

אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט דער פארזיצער פון פרא־וויזאריום ה' מענדיל אש, אלס בייזי־צענדע די ה"ה י. שטייער, י. מאש־קאוויטש, ש. יארקאוויזנע, שענקארסקי און טוכמייער און אלס סעקרעטאר ה' א. עפשטיין.

דעם בעריכט פון דער ביז־איצטיגער טעטיגקייט ווי אויך דעם קאסע־בעריכט האט אבגעגעבען ה' פיליפאוויטש, וועל־כער האט פעסטגעשטעלט, אז צוליעב דער דעזארגאניזאציע, וואס האט גע־הערשט ביז לעצטענ'ס אין די קליינ־הענדלער־רייהען, זענען אויך די הכנסות פון פעראיין געוועזן קליינע און דערי־בער איז ענטשטאנען א דעפיציט פון א ערך 1200 זל.

אין דער דיסקוסיע ארום דעם בע־ריכט האבען אנטייל גענומען די ה"ה עפשטיין, אזשינסקי א. א. און אין רע־זולטאט איז דער בעריכט גענומען גע־ווארען צו קענטניש.

וועגען דעם בודזשעט האט רעפע־רירט ה' פרייערמויער און נאכדעם הא־בען גערעדט די ה"ה מאשקאוויטש, שטרויסבערג, מערין, בראנדעס א"א ווערט דער בודזשעט בעשטעטיגט אויף דער סומע פון 6000 זל. יעהרליך מיט'ן רעכט איבערצושטייגען אויף 10 פראצ.

ביים פונקט פרייע פארשלאגען ווע־רען אנגענומען פאלגענדע בעשלוסען:

די אלגעמיינע פערזאמלונג ווענדעט זיך צו די נייע פערוואלטונג, אז אין דער עו'שטער רייהע זאלען בעריקזיכ־טיגט און פערטיידיגט ווערען די אינ־טערעסען פון די אממעהרסטען געדריק־טע מארקשטעהער.

אויך דער פארשלאג פון ה' אזשינס־קי אז די פערוואלטונג זאל זיך בעמי־הען צוריק צו ארגאניזירען די סעק־

וואס געהערט, וואס געזעהן.

פנחס בן אלעזר.

ווען עס איז געווען א צרה אויף יודען, זיי האבען פערלוירען דעם גליי־כען וועג און עס האט זיי געדראהט א געפאהר צוליעב זייערע זינד אונ־טערצוגעהן, איז זיי צוהילף געקומען פנחס דער זוהן פון אלעזר הכהן, וועל־כער האט זיך געשטעלט אין די פא־דערשטע רייהען און געראטעוועט די יודען.

דערפאר האט מען איהם געגעבען א פרידענס־אקט, געמאכט מיט איהם א קאנטראקט אויף אייביג, אז זיינע קינ־דער וועלען בלייבען כהנים.

פנחס האט בעקומען די נאבעל־פרע־מיע פאר שלום און היינט בעקומט די נאבעל־פרעמיע דער, וואס ערפינדעט א געפעהרליכען גיפטיגען גאז.

פנחס האט אבגעהאלטען די מגפה פון יודען און דערפאר ווערט די סדרה אנגערופען אויף זיין נאמען און ביז'ן היינטיגען טאג זענען זיינע אייניקלעך שטאלץ אויף זייער זיידען, זיי בעקו־מען די ערשטע עליות און יום־טוב בענטשען זיי דאס פאלק...

נאך דער דאזיגער מגפה האט מען איינגעארדענט א סטאטיסטיק וויפיעל עס זענען פערהאן יודען און אלס א מיטגליד פון דער קהלה האט זיך גע־רעכענט פון צוואנציגסטען לעבענס־יאהר נישט ווי די היינטיגע „אגודה" וואס רעכענט ערשט פון פינפאונצוואנ־ציגסטען יאהר. אויך דאמאלס האבען די ווייבער נישט געהאט קיין דעה ביי קהל.

אויך האט מען געצעהלט די קינדער, הפנים אז דאמאלס זענען געווען פא־וושעכנע שולען און מען האט געדארפט וויסען וויפיעל עס וועלען בלייבען אהן שולען.

היינט למשל, אין די צייטען פון ער־פינדונגען און צוואנגס־בילדונג וואלגע־רען זיך ארום נאך טויזענדער קינדער אהן שולען און אויב עס געהט וועגען סטאטיסטיק פון קינדער קען איך אייך דערצעהלען אז בלויז אין טשענסטא־כאוו זענען פערהאן 9 הונדערט קינדער וואס דארפען היי־יאהר אנהויבען די שולע און אויך יודישע קינדערלעך איז פערהאנען א גרעסערע צאהל, נאר היות ווי עס איז נאך ביז איצט נישטא דער געהעריגער שול־בנין, וועלען א סך, נאר א סך יודישע קינדערלעך בלייבען אין גאס.

איך האב נאך געוואלט דערמאנען וועגען די בנות צלפחד און זיי פער־גלייכען מיט די היינטיגע חסידישע פא־ניענקעס, נאר היות ווי עס זענען דא וויכטיגערע זאכען, וועלען זיי בלייבען אויף א צווייט מאל...

אין דער קינדער־וועלט

די וואך איז געווען דער סעזאן ווען די שול־קינדער האבען איבערגעלעבט זייערע ליידען און פריידען.

עס האט זיך געענדיגט דאס שול־יאהר און די שילער פון אלערליי שו־לען האבען בעקומען זייערע „צענזורען" וואס בעשטימען דעם גורל פון זייער ווייטערדיגער עקזיסטענץ.

איך ווייס נישט ווי אויף אנדערע נאר אויף מיר לאזט דער דאזיגער סע־זאן איבער א טיעפען איינדרוק. איך לעב איבער די דאזיגע פרייד און פיהל מיט דעם טיעפען צער, וואס די קינ־דער לעבען אדורך צוליעב זייערע גו־טע און שלעכטע צענזורען.

יאהר איין, יאהר אויס קומט מיר אויס מיטצומאכען די דאזיגע פייערו־גען אין יעדעס יאהר פייער איך מיט מיט די קינדער און דער עיקר אז איך מוז די דאזיגע איבערלעבונגען אויפ־שרייבען אויפ'ן פאפיר כדי זיך צו בע־פרייען פון די שווערע איינדריקען וואס איך בעקום פון די געשעהענישען.

אויסערליכע פייערליכקייט

פרייטאג אינדערפריה האבען זיך די יודישע שילער פון כמעט אלע יו־דישע שולען פערזאמעלט אין דער סי־נאגאגע וואו עס איז אבגעריכט געווא־רען א פייערליכע תפלה, דער כאר האט געזינגען, דער פרעדיגער האט געדרשנ'ט און די שילער זענען געזע־סען אויף זייערע ערטער „סטאטעטש־נע" און זיך צוגעהערט צו די געזאנגען און רעדע.

שפעטער האבען זיי מארשירט אי־בער די גאסען אין דער שולע אריין. אויך דער ארקעסטער פון יודישען גע־זעלשאפטליכען גימנאזיום האט אבגע־שפילט עטליכע מארשען. אונטער די קלאנגען פון דער מוזיק האבען די יו־דישע שילער מארשירט דרייסט און דאס יודישע הארץ האט געקוואלען פאר נחת, זעהענדיג אז עס וואקסט אויף א יודישע יוגענד, א געזונדטע און א שטאלצע. דאס בילד איז געווען שעהן, ערהאבען, מאיעסטעטיש.

אין די שולען

אביסעל אנדערש זעהט דאס בילד אבער אויס אין די שולען גופא, דארט וואו די שילער דערהאלטען זייערע צענזורען.

באלד אויפ'ן הויף פון גימנאזיום, איידער די שילער האבען נאך בעקומען די „שוויאדעסטוועס" האט דער דירעק־טאר געהאלטען א קורצע רעדע, ער האט זיי געטרייסט, אז זיי זאלען זיך נישט צופיעל איבערנעמען ווען זיי ווע־לען דערהאלטען נישט אזעלכע גוטע צענזורען ווייל דאס איז זייער אייגענע שולד, ווייל זיי האבען נישט ווי געהע־ריג געארבייט, אויך איז אין דעם נישט ווייניג שולדיג די איצטיגע סיטואציע און אפשר אויך די ספעציפישע לאגע אין וועלכע מיר יודען געפונען זיך.

ביים בעקומען די צענזורען, האבען זיך אבגעשפילט זעהר דראמטישע סצע־נעס. ווי אלע מאל איז געווען טרעהרען און פרייד, מאנכע האבען מיט לאכענ־דיגע פנים'ער כאפענדיג זייערע גוטע סטאפניעס און אהיימלויפענדיג צו זייע־רע עלטערן, ווייזענדיג זיי וואס בארא פעהיגע שילער זיי זענען און דאס הארץ פון זייערע עלטערן ווערט גע־גרויסט און א נחת בעהערשט זיי, — מיר האבען אונזער מיה אבגעלייגט, דאנקען גאט, ער געהט איבער אין א העכערער קלאס, אונזער געראטען קינד.

מאנכע קינדער ווידער לעבען אי־בער א שווערע טראגעדיע, זיי זעהען די שלעכטע סטאפניעס, הויבען זיי אן צו וויינען און שעמען זיך אהיימצו־געהן צו זייערע עלטערן, וועלכע שפא־רען אב דעם לעצטען ביסען פון מויל אבי פאר זייערע קינדער צו צאהלען שכר־למוד, דאס קינד אבער פיהלט דאס נישט א גאנץ יאהר, נאר טהוט זיך לייכטשעצען, אבער אין טאג פון די צענזורען פיהלט עס די עולה, וואס עס איז בעגאנגען געגען זייערע על־טערן, און טרעהרען, הייסע ביטערע קינדערשע טרעהרען, רינען פון זייערע אויגען און וואלטען מסתמה אוועקגע־געבען אסך, אבי זייערע עלטערן נישט צו פערשאפען קיין שמערצען.

א יום־כפור איז דאס פאר די קינדער, און איך האב רחמנות אויף זיי, עס איז מיר א שאד קינדערשע טרעהרען, איך וויל זיי בעסער זעהען לאכען, אז קינ־דער לאכען, פרעהט זיך דער הימעל, אלץ איז אזוי יום־טוב'דיג, אז עס ווילט זיך מיטפרייען, א ווארעמקייט נעמט ארום די נשמה, טרויריג איז אבער, אז זיי וויינען.

די שילערין מיט'ן בוקעט אין דער האנד...

א טראגיש־קאמישע סצענע האב איך בייגעוואוינט אין א פאווושעכנע שולע.

עס שטעהט א מיידעלע מיט א בו־קעט אין דער האנד און וויינט, פרעג איך זי, מיידעלע, וואס וויינסטו? ענט־פערט זי מיר, אז מען האט איהר גע־געבען נישט קיין „פראווידלאווע" סטאפניעס, זי האט זיך געלערנט א גאנץ יאהר זעהר גוט און איז געווען זיכער, אז זי וועט בעקומען א גוטע צענזור, האט זי זיך געפרעהט און באלד אינדערפריה האט זי זיך אנגע־טהון דאס שבת'דיגע קליידעל און די מוטער האט איהר געקויפט א בוקעט בלומען פאר די לעהרערין און איצט ווען זי האט בעקומען אזא שלעכטע צענזור, ווייסט זי נישט וואס זי זאל טהון מיט'ן בוקעט בלומען.

שטעהט זי און וויינט מיט ביטערע טרעהרען.

ווייס איך נישט אויף וואס זי וויינט מעהר, אויף דעם בוקעט בלו־מען, וואס איז איהר געבליבען איבער'ן האלז, אדער פון די שלעכטע סטאפניעס וואס מען האט איהר געגעבען „ניע פראווידלאווע"... און וועט צושטערען די עלטערנס אבגענארטע פרייד.

אזעלכע סצענעס קומען פאר אסך אין טאג פון צוטיילען די צענזורען.

וואס ווייטער?

יעדעס יאהר ענדיגען אסך שילער די שולען, אזוי אין די מיטעל־שולען ווי אויך אין די פאווושעכנע און פאך־שולען.

פאר די דאזיגע שילער איז די פרא־גע א הארבערע ווי פאר די יעניגע שילער, וואס בלייבען איבער נאך א

דאס צוטיילען די צייגנישען טערמינאטארען פון די דערגענצונגס-קורסען ביי דער האנדווערקער-שולע.

זונטאג 12 אזייגער פארמיטאג איז אין לאקאל פון דער האנדווערקער-שולע פארגעקומען דער פייערליכער אקט פון צוטיילען די צייגנישען די טערמינאטארען, וועלכע האבען געענדיגט דעם קורס פון די דערגענצונגס - קורסען.

אין דער אנוועזענהייט פון האנדווערקער-דעלעגאטען, קאמיטעט-מיטגלידער פון האנדווערקער - פערבאנד און גאנצען לעהרער-פערסאנאל — ערעפענט און נעמט דאס ערשטעווארט דער די-רעקטאר פון דער האנדווערקער-שולע אינזש. פזשיסוסקער, וועלכער ערקלערט די שילער וואסערע בעדייטונג עס האט פאר זיי דאס בעקומען אזא צייגניש. מיט'ן אריינגעהן אין קראפט פון צע-כען-געזעץ — זאגט ה' פזשיסוסקער — זענען מיר געשטעלט געווארען פאר א געשעהענעם פאקט און צי מיר ווילען יא אדער נישט, מוזען מיר זיך צו דעם געזעץ צופאסען און מוזען ווייזען די נישט-יודישע האנדווערקער, אז דער יעצטיגער יונגער יודישער בעל-מלאכה קען אויסהאלטען דעם עקזאמען און זיין פעהיג פונקט אזוי ווי דער קריסט-ליכער האנדווערקער.

צום סוף ווינשט אינזש. פזשיסוס-קער די שילער ווייטערען ערפאלג אין זייער צוקונפט.

דאן נעמט דאס ווארט ה' מיטלער, וועלכער אפעלירט צו די שילער, אז זיי זאלען זיין א מוסטער פאר זייערע יונגערע חברים ווי אזוי זיך צו לער-

נען און צו שמידען פאר זיך די צו-קונפט, פון וועלכער ס'איז אבהענגיג זייער מאטעריעלע עקזיסטענץ.

אין נאמען פון האנדווערקער-קאמי-טעט רעדט דער געוו. ראטמאן ה' י. גאלדבערג, וועלכער זאגט: איך וועל געהן ווייטער פון מיינע פארערדנער און זאגען, אז דער יעצטיגער יודישער האנדווערקער - דור דארף נישט בלויז שטעהן אויף דער זעלבער הויך, וואס דער פוילישער בעל-מלאכה, נאר דארף און מוז זיין קאנקורענץ-פעהיג אויך אין בעצוג צו די אויסלענדישע האנדווער-קער ווי: דער דייטשער, ענגלישער און פראנצויזישער, וועלכע שטעהען מיט זייער פראדוקציע אויף א זעהר הויכער מדרגה און מיר מוזען קענען אויס-האלטען זייער קאנקורענץ. קיינער העלפט אונז נישט מיט צו קענען דער-האלטען די אוונעד-קורסען, דאס איז אפילו א פליכט פון די רעגירונג, אבער ווען זי טהוט עס נישט, מוזען מיר אליין מיט אייגענע כחות זיי אויסהאל-טען; דאס טהוען מיר — עלטערע האנד-ווערקער — טאקי מיט מסירות נפש, כדי איהר יונגערע זאלט אויסוואקסען אלס א קולטורעלער האנדווערקער-דור און דאריבער דארפט איהר אונז מיט-העלפען פערלייכטערען אונזער אויפ-גאבע, דאס קענט איהר נור דאמאלס, ווען איהר וועט פלייסיג לערנען און זיין א ביישפיל פאר אנדערע.

דער טעכנישער לייטער פון די קור-סען ה' א. ווינער רעדט אויספיהרליך וועגען דעם אנגעווארפענעם צעכען-געזעץ און זיין בעדייטונג פאר'ן צו-קונפטיגען בעל-מלאכה. ער רעדט אויך וועגען די אויפגאבען און פליכטען פון די שילער לגבי זיך און פאר די לעה-רער, וועלכע. שטרענגען אן אלע כחות, כדי ארויסצובעקומען דעם מאקסימום וויסען און די שילער דארפען זיי דער-פאר זיין דאנקבאר.

אין נאמען פון לעהרער - פערסאנאל בעקומט דאס ווארט ה' פראפ. מארגו-לעס, וועלכער רעדט מיט שטאלץ וועגען דעם יודישען בעל - מלאכה און זאגט צווישען אנדערן, אז דער האנד-ווערקער איז דער געזונדסטער קערן פון פאלק און אויב דער דאקטאר אדער אינזשיניער האט מעהר בילדונג איז עס דערפאר, ווייל ער האט געהאט די מעגליכקייטען צו לערנען זיך. איהר אבער, קינדער פון דער יודישער נויט, מוזט לערנען א פאך, כדי צו קענען

לעבען — און דאס דארף זיין אייער שטאלץ, טראגט הויך די פאהן פון יו-דישען האנדווערקער, זייט קולטורעל און געבילדעט און איהר וועט נישט בעדויערען.

אין נאמען פון די שילער דאנקט אלע אנוועזענדע און ספעציעל דעם לעהרער-פערסאנאל דער טערמינאטאר בערקאוויטש, וועלכער רעדט עטליכע קורצע אבער שעהנע ווערטער, אויס-דריקענדיג זייער צופרידענהייט פאר דער מיהפולער ארבייט, וואס מ'האט זיי געגעבען אין דער שולע.

די שילער דערלאנגען דעם דירעק-טאר ווי אויך דעם לעהרער-פערסאנאל צוויי בוקעטען לעבעדיגע בלומען און דערמיט ווערט פערענדיגט דער פייער-ליכער אקט פון צוטיילען די צייגנישען די טערמינאטארען.

צייגנישען האבען בעקומען 23 שילער.

ציעס, אזוי ווי זיי זענען אמאל גע-ווען.

צום סוף דריקט די אלגעמיינע פער-זאמלונג אויס א הארציגען דאנק דעם ה' מענדיל אש פאר זיין מיהפולער אר-בייט, וועלכער האט צוגעפיהרט צו דער דאזיגער פעראייניגונג.

דאן קומען פאר וואהלען צו דער פערוואלטונג. עס ווערען געוועהלט די ה"ה: יצחק מענדיל עפשטיין, ד. פי-ליפאוויטש, אדאלף עפשטיין, ש. קרוי-זע, א. זיידמאן, מ. קראקויער, מ. יא-קובאוויטש, י. דאנקאוויטש, ישכר מאש-קאוויטש, ח. פרייערמויער און גדליהו גליקסמאן.

אין דער רעוויזיאנס-קאמיטע ה"ה שמעון קלין, ש. ניימאן, חנן בערקא-וויטש.

מיט דעם ווערט די פערזאמלונג גע-שלאסען.

זיי דרשנ'ען פאר זיך.

(א מאנאלאג אזא).

אלץ וואס „די וועלט" זאגט, מוזט איהר איינמאל וויסען איז אמת וצדק, אלע גלייכווערטלעך וואס אונזערע זיי-דעס און עלטער-זיידעס האבען אמאל ארויסגעזאגט זענען, להבדיל, אזוי ווי תורת משה.

זאגט מען א פאלקס-ווערטיל: יעדער בעל-דרשן דרשנ'ט פאר זיך, און אזוי איז עס. ווען איהר הערט עפעס א דרשה (היינט רופט מען דאס א רעדע אדער א רעפעראט) ווען דער רעדנער צוקאכט זיך און ווייזט אויף ווי יעצט איז טאג אז אזוי און נישט אנ-דערש איז דאס, אז מען מוז דוקא טהון אזוי און אזוי, מיינט איהר דאך אז דאס מיינט ער אייער טובה אדער די טובה פון דעם כלל, זאלט איהר וויסען אז ס'הויבט זיך גארנישט אן, ער דרשנ'ט פאר זיך.

האט איהר געהערט, למשל, איצט נישט לאנג פאר די קהלה-וואהלען ווי מען האט געדרשנ'ט אויף וואס די וועלט שטעהט, געהאקט א טשייניק און געוויזען מיט ראיות ברורות אז די ליסטע און נאר די ליסטע איז די איינ-ציגע אויף וועלכער איהר דארפט און מוזט שטימען, אויב איהר ווילט באמת געהאלפען ווערען מיט א רפואה שלימה, זאלט איהר וויסען זיין אז איהר מיט אלע אייערע נויטען ליגט איהם אין דער לינקער פאה, איהר אינטערעסירט איהם ווי דער פאראיאהריגער שניי, נאר ער רעדט גאר פאר זיך, און אזוי איז דאס ביי אלע זאכען, מיט וועלכע מען קומט צו אייך אין נאמען פון

טובת הכלל, פון כלל ישראל, דאס איז אלץ בלאף און נאכאמאל בלאף, יעדער מיינט נאר זיין איך און דרשנ'ט פאר זיך.

אקעגען וואס איך וויל דאס איצט זאגען, וועט איהר געוויס פרעגען, איך מיין דאס אקעגען דעם מאראטאריום, ווי מען רופט אויפ'ן היינטיגען לשון, אקעגען דעם וואס אמעריקא דער תובע וואס שטעהט אויף די היפאטעקען פון אלע אייראפעאישע לענדער מיט איה-רע חובות וואס שטאמען נאך פון דער מלחמה-צייט, אז אט די אמעריקא איז אין א פראסטען מיטוואך געקומען און געזאגט: קינדערלעך איך גיב אייך מא-ראטאריום, איך וועל אייך פראלאנגירען די חובות אויף א גאנץ קיילעכדיג יאהר, און דאס דאזיגע גמילת-חסד פון אמעריקא האט אויפגערודערט די גאנ-צע וועלט, ס'איז געווארען ששון ושמחה און מען הערט נישט אויף צו רעדען וועגען דעם אין אלע בלעטער און וואו מען געהט און שטעהט.

בין איך פראסטער מענש, אזא אי-דיאט און כ'פערשטעה נישט: לשמחה מה זו עושה? וואס איז דאס די שמחה אזוי גרויס? טויזענדער און צעהנער-טויזענדער יודישע סוחרים ווערען דער-טרינקען אין גרויסען ים פון חובות, אין לך יום. ס'איז נישטא דער טאג וואס יעדער יוד זאל נישט האבען צו צאהלען א וועקסעל, אדער א אנדערע התחייבות און דא איז באמת אפס כסף ס'איז נישטא קיין גראשען געלד און די בעלי-חובות וויסען גארנישט און ווילען גארנישט וויסען, דער וועקסעל וואס ווערט נישט געצאהלט געהט צום פראטעסט, עס קומט צו קאסטען און נאכאמאל קאסטען, און וואס קען פון דעם ווערען?

היינט פרעג איך, אויב די מלוכות, די גרויסע און מעכטיגע מלוכות וואס פערמאגען מיליארדען און טויזענדער מיליארדען, האבען נישט צו בעצאהלען זייערע חובות און מען האט געמוזט קומען זיי מאכען א פראלאנגאציע אויף א יאהר, וואס זאלען ערשט נעבעך טהון די פראסטע מענשעלעך, די סוח-רים, קליינהענדלער און בעלי-מלאכות, פון וואנען זאלען זיי נעמען צו צאה-לען און ווי לאנג זאלען זיי זיך אזוי מיטשען און מארדעווען? וואו איז לא-גיק?

און אויב איהר וועט זאגען אז די פריוואט-מענשען קענען נישט נאכלא-זען ווייל זיי אליין מוזען אויך צאה-

לען זייערע חובות, איז דאך ווידער א קשיא פארוואס מאכען די רעגירונגען נישט קיין מאראטאריום אויף די חו-בות וואס זיי קומט, פארוואס פראלאנ-גירט מען נישט די פאדאטקעס וואס די ארימע בעפעלקערונג איז שולדיג, און פארוואס נעמען די רעגירונגען (אלע ווי איינע) אן די שטרענגסטע מיטלען געגען זייערע בירגער, אז זיי זאלען די מלוכה-חובות צאהלען פונק-טליך, אין דער צייט ווען זיי אליין, די מלוכות וויסען אז ווען מען האט נישט קען מען נישט צאהלען און אז אהן א חלה קען מען נישט שניידען קיין המו-ציא'ס?

דער שכל, דער פשוט'ער שכל איז דאך מחויב, אז אויב די גרויסע און מעכטיגע מלוכות האבען נישט צו צאה-לען, און מען מען מוז זיי געבען די מעגליכקייטען דורך א מאראטאריום זיך אביסעל צו דערכאפען און קומען צו זיך, מוז מען זיי מרויח זיין את הזמן, פארוואס טראכט מען נישט וועגען די קליינע, די פראסטע בשר ודמ'ס אז אויך זיי זאלען קענען עקזיסטירען. נו, וואו איז דער תירוץ?

יעדער בעל-דרשן דרשנ'ט פאר זיך, אמעריקא דרשנ'ט פאר זיך, זי האט געזעהען אז די מלוכות זענען גע-קוועהלט און ס'קען אויסקומען אז זיי וועלען איהר אינגאנצען נישט צאהלען האט זי זיי געמאכט א יעהרליכע הנחה און אזוי געהט דאס ווייטער און ווייטער, אלץ צווישען די מלוכות זעלבסט אבער וועגען די בידנע ארימע בירגער טראכט מען נישט, מיט זיי אינטערע-סירט מען זיך נישט, אויב זיי שמאכ-טען אונטער דער לאסט פון זייערע חובות, זיי מאכט מען נישט קיין מא-ראטאריום, זיי גיט מען נישט קיין פראלאנגאציעס, ווער האט זיי אין זי-נען.

יא, אזוי איז דאס ליבער פריינד, ווי די וועלט זאגט: יעדער בעל-דרשן דרשנ'ט פאר זיך.

ליפא

יאהר אין דער שולע.

פאר די שילער שטעלט זיך די פרא-גע, וואס ווייטער?!

ווי אזוי ארדענט מען איין דאס לע-בען, צו וואס נעמט מען זיך, די מא-טוריסטען דארפען געהן אין די הויכ-שולען און דאן שטעלט זיך די פראגע וואו? און צי איז דא די מעגליכקייט אלס יוד אנגענומען צו ווערען אין או-ניווערזיטעט ביי די היינטיגע סיטואצ-יע, ווען דער אנטיסעמיטיזם צווישען די קריסטליכע סטודענטען איז אזוי גרויס, דאן אויך די שילער וואס הא-בען געענדיגט א פאך, צו וואס זאלען זיי זיך נעמען, ווער איז פעראינטערע-סירט צוצוגרייטען פאר די דאזיגע אויס-געשולטע פאך-לייט ארבייט, אז אונזע-רע יודישע פאבריקאנטען גיבען זיי נישט קיין ארבייט אין קריסטליכע אונ-טערנעהמונגען איז אודאי נישטא וואס צו רעדען, און אונזער געזעלשאפט איז פערנומען מיט „וויכטיגערע" אויפגא-בען, זאלען זיי זיך אפשר נעמען אימ-שטיינס געזאגט צום מסחר?..

אויך די קינדער וואס ענדיגען די פאווזשעכנע שולע און האבען נישט קיין מעגליכקייט ווייטער זיך צו בילדען וואס זאלען זיי טהון? ביי דער איצטי-גער קריטישער צייט, ווען עס זענען פערהאן אזוי פיעל ארבייטסלאזע, טא ווער וועט זיי געבען בעשעפטיגונג?

דאס איז א פערוויקעלטער און זעהר א שווערער פראבלעם און עס דארף זיין די וויכטיגסטע אויפגאבע פון אונ-זער יודישע געזעלשאפט בעסער צו טראכטען וועגען די דאזיגע פראגען, איידער זיך אבגעבען מיט אונזיניגע מחלוקות וועגען א קהלה - בענקעל וכדומה.

לעולם זענען די דאזיגע פראגען אקטועל א גאנץ יאהר, נאר היינט ביים פערענדיגען דאס שול-יאהר זע-נען זיי בולט'ער און עס איז כדאי זיי צו דערמאנען.

אדרבה, יודישע כלל-טהוער, איהר וואס זענט זיך „מוסר נפש" פאר'ן יו-דישען פאלק, גיט א ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע, וואס ווייטער?

אלע זענען צופרידען.

איך מיין דאס די קהלה-פראקציעס, וועלכע האבען אריינגעפיהרט זייער פער-טרעטערשאפט אין דער קהלה-פערוואל-טונג.

לעולם האבען נאר 5 פראקציעס גע-האט א מעגליכקייט אריינצופיהרען אין דער קהלה-פערוואלטונג מיטגלידער און די איבריגע 3, ווי למשל די „אגודה", קליינהענדלער און ראדאמסקער חסי-דים, וואס האבען נאר געהאט צו איינ-ציגע פרנסים, האבען דאך נישט גע-האט קיין שאנסען, נאר די קאניונקטור האט זיך אזוי צונויפגעלייגט, אז אפילו די פראקציעס וואס האבען געהאט צו איינציגע פרנסים האבען אויך ארייג-געפיהרט דאזארעס און דעריבער זענען אלע צופרידען.

אביסעל פערשפעטיגט..

אין דער צייטונג פון פויריגע וואך איז געווען א מודעה פון א אנגעזע-העגעם „גענעראל" פון מזרחי, וואו ער גיט צו וויסען דעם ברייטען עולם, אז צוליעב געוויסע טעמים טרעט ער ארויס פון דער ארטיגער ארגאניזאציע פון „מזרחי" ווייל איך ביי דער דאזיגער געלעגענהייט מאכען א קליינע אויס-בעסערונג און נעמליך: אז דאס אויס-שרייבען זיך פון „מזרחי" איז פארגע-קומען אביסעל צו שפעט.

מחמת דעם, וואס איך האלט אז קיין „מזרחי"-ארגאניזאציע איז איבערהויפט אין טשענסטאכאוו נישט פערהאן.

אדרבה, זאל מיר עמיצער אנווייזען דעם אדרעס פון „מזרחי" און מיר אויפ-געבען דעם דאטום פון דער אלגעמיי-נער פערזאמלונג, ווען זי איז אמאל פארגעקומען...

דעריבער ר' משה האט אייער זיך אויסשרייבען פון דער נישט-עקזיסטי-רענדער ארגאניזאציע נישט קיין שום ממשות...

איהם געפעלט נישט דער נאמען...

ווי בעוואוסט, ווערען א סך גאסען אנגערופען מיט אנדערע נעמען, אזוי ווערט אויך „פערדרעהט" די ספאדעק גאס אויף בוזשניטשנע גאס.

דאס געפעלט אבער נישט א יודי-שען הויזווירט פון דער זעלבער גאס, וואס האלט זיך פאר א אינטעליגענט און קען נישט פערטראגען, אז זיין הויז וואס געפונט זיך אין דער זעל-בער גאס זאל זיך רופען מיט אזא קאנסערוואטיווען, רעאקציאנערען, אב-געשטאנענעם נאמען ווי בוזשניטשנא.

האט דער בחור אנגעשריבען א מע-מאריאל צום מאגיסטראט און ארומגע-גאנגען נאך אונטערשריפטען צו די בעלי-בתים פון דער גאס.

אויסער דעם דירעקטאר פון דער „קאפעלושארניע" האט ער נישט בע-קומען קיין אונטערשריפטען, ווייל זיי, די זשידעס פון דער ספאדעק גאס גע-פעלט יא דער נאמען. איז ער אין כעס אונזער „אינטעליגענט" וואס וועט נע-ביך מוזען אויפקלאפען א טעוועלע אויף זיין „אינטעליגענט" הויז מיט אזא פאסקודנעם נאמען...

זעלבסטבעדינונג..

א יודישער סוחר דערצעהלט מיר פאלגענדען פאקט:

צו איהם איז געקומען א סעקוועס-טראטאר נאך א חוב און נישט טרע-פענדיג דעם בעל-הבית האט ער דער-ווייל צוגענומען 2 געבעטע שטוהלען. ווען דער בעל-הבית איז אהיימגעקומען און נעוואויר ווערענדיג וועגען דעם צוגענומענעם פאנט, איז ער אוועק אין סקארב און בעוויזען אז ער האט שוין דעם חוב בעצאהלט.

דער בעאמטער האט נאכגעקוקט און עס האט זיך ארויסגעוויזען אז דער פעטענט האט רעכט, האט מען איהם געהייסען זיך צוריקנעהמען די שטוה-לען. פרעגט ער פארוואס מען שיקט זיי איהם נישט אהיים, האט ער בעקו-מען א ענטפער, אז ביי זיי איז איינ-געפיהרט געווארען דער פרינציפ פון זעלבסטבעדינונג. סיי דער סעקוועסט-ראטאר ווי אויך דער אייגענטימער פון די זאכען, מוז זיך אליין מטריח זיין און עס אוועקטראגען מיט זיינע איי-גענע הענד און אויף זיינע הוצאות...

זיי לאכען שוין.

דער ענין סעקוועסטראטארען מיט „זאיענטשעס" איז געווארען אזוי וואס-כעדיג, אז אנשטאט עס צו האלטען פאר אזא טראגעדיע ווי אין די ערשטע צייטען, לאכט מען זיך היינט דערפון אויס און מען בעטראכט עס פאר א ענין פון חוזק.

אט טרעפט זעהר אפט, אז ווען עס קומט א סעקוועסטראטאר נאך די זא-כען פערשליסט מען דעם סעקוועסט-ראטאר אין דער שטוב און די אייגענ-טימער געהען אוועק אויף עטליכע שעה און די שכנים קייכען פאר גע-לעכטער, ווי א סעקוועסטראטאר זיצט נעביך א געפאנגענער אין די צימערן.

אזעלכע מעשיות טרעפען זעהר אפט און דער עולם ווילט זיך אהן בילע-טען.

וואס דארפט איהר מעהר, אפילו אונ-זער בעקאנטער גאדעלע האט אויך יע-נע וואך פערשלאסען א סעקוועסטרא-טאר, וועלכער איז געקומען איהם מא-כען א ליציטאציע. א צווייטער ווידער האט צוהאקט אויף שטיקלעך דאס מע-בעל, וועלכעס די סעקוועסטראטארען האבען געוואלט צונעמען.

איהר פערשטעהט ווי גרויס דער חורבן איז, אז אנשטאט צו וויינען, לאכט מען שוין...

איצט לוינט זיי דער עסק.

אין טשענסטאכאוו עקזיסטירט ווי בעוואוסט א יודישע געזעלשאפט פאר לאנדוויסענשאפט, וועלכע פיהרט (אי-בערהויפט אין דער זומער-צייט) א גע-וויסע טעטיקייט, האט אביסעל מיטגלידער וועלכע פאהרען מיט אויף די אויספליגען.

היות אבער ווי די געזעלשאפט האט נישט געקאנט געבען די מיטגלידער קיין הונדערט פראצענט בעקוועמ-ליכקייט האבען זיי פערנאכלעסיגט זיי-ער מיטגלידערשאפט.

דערווייל האט זיך די געזעלשאפט בעמיהט אז זי זאל אנגענומען ווערען אלס מיטגליד אין דער פויל. צענטראלע און אז איהרע מיטגלידער זאלען געניסען פון די הנחות וואס עס האבען די פוי-לישע מיטגלידער.

ענדליך איז די יודישע געזעלשאפט געווארען אנגענומען אין דער צענטרא-לע און אויך די יודישע מיטגלידער וועלען האבענדיג א לעגיטימאציע פון דער געזעלשאפט קענען געניסען פון די הנחות ווי 25 פראצענט ביליגער אויף דער באהן א. אז. וו. קומען איצט די מיטגלידער מאסענווייז און ווילען זיך פערשרייבען, איז אבער איצט זעהר שווער צו ווערען א מיטגליעד, ווייל די פערוואלטונג טענה'ט און מיט רעכט, אז אויב איהר קומט זיך איצט פערשרייבען, ווייל דער עסק לוינט אייך דערפאר אבער לוינט אונז נישט דער עסק... **לויתן.**

עפענטליכע ערקלערונג.

(א בריעף אין רעדאקציע).

חשוב'ער ה' רעדאקטאר!

איך בעט אייך געפעליגס אבצוגעבען פלאץ אין אייער וו. צייטונג פאר פאלגענדער ערקלערונג אין צוזאמענהאנג מיט'ן בריעף פון ה' רייטבערגער, וועלכער איז פערעפענטליכט געווארען אין „טשענסטאכאווער צייטונג“ נר. 26.

רייטבערגער האט זיך קורירט אין אונזער שפיטאל דריי מאל, זייענדיג אונז גוט בעקאנט אלס מורא'דיגער כעסן, תמיד אונצופרידען פון אלעם און אוואנטוריסטיש געשטימט. ווי עס זעהט אויס האט ער שטארק פערהאקט אונטער זיך די טהירען פון קראקאווער שפיטאל, ווארום ווי ער האט אליין דערצעהלט איז דער שפיטאל אין קראקא פאר איהם לחלוטין פערמאכט. דערמיט ערקלערט זיך, פארוואס ער איז אויף א צווייט ערנסטע בויך-אפעראציע געפאהרען פון ראדאמסק נישט קיין קראקא, נור קיין טשענסטאכאוו, אין אונזער שפיטאל. דער קרענקליכער פסיכישער צושטאנד פון רייטבערגערן ערקלערט זיך נישט נור מיט זיינע ליידען, נור אויך מיט דער שטארק ענטוויקעלטער נערוועזער קראנקהייט: נעוראסטעניע, וועלכע פעראורזאכט א שטארקע עמפינדליכקייט פונ'ם ארגאניזם, איינרעדען זיך קראנקהייטען, וועלכע דער פאציענט בעזיצט לגמרי נישט.

איצט צו די עצם-פארוואורפען פון רייטבערגער'ן צום שפיטאל.

רייטבערגער שרייבט אז אין משך פון זיין גאנצען ווייל'ען אין שפיטאל פיער טאג איז צו איהם קיין שום דאקטאר נישט צוגעגאנגען. דאס איז א שקר מוהלט. ווי איך האב פעסטגעשטעלט, איז ער טאג-טעגליך אונטערזוכט געווארען גרינדליך דורך פרוי ד"ר דיקער, וועלכע האט איהם עמפפעהלט דעם שפיטאל. א חוץ דעם האט ער געהאט אויסגעפלומט דעם מאגען און דעם אנאליז פונ'ם מאגען האט אויסגעפיהרט ד"ר ד. קאגאן, דעם אורין-אנאליז האט אויסגעפיהרט ד"ר עפשטיין אין שפיטאל גופא, און ד"ר בראם האט איהם אדורכגעלויכטען אין שפיטאל מיט רענטגען-שטראהלען. פאר די דאזיגע אונטערזוכונגען האט קיינער פון די דערמאנטע דאקטוירים קיין בעלוינונג נישט גענומען. ד"ר וויסבערג האט דעם דאזיגען קראנקען נישט קורירט, ווייל ער איז אנגענומען געווארען מיט'ן בעדינג (בעריקזיכטענדיג זיין ווינטשונג) אז עס וועט איהם קורירען ד"ר דיקער, וועלכע האט איהם עמפפעהלט דעם שפיטאל. אלזא — פיער דאקטוירים האבען זיך בעשעפטיגט מיט רייטבערגער'ן און אין משך פון פיער טעג זענען דורכגעפיהרט געווארען אזעלכע אלזייטיגע און געוויסענהאפטע אונטערזוכונגען מיט אנאליזען און דורכלויכטונג, אזוי אז דאס זאגט עדות אויף דער גרויסער פעראינטערעסירונג מיט'ן קראנקען און אין דער גלענצענדער שפיטאל-ארגאניזאציע.

עס איז פערוועהרט די שפיטאל-קראנקע דאס אריינברענגען כלערליי מעדיקאמענטען פון שטאדט און בענוצען זיי אהן דעם וויסען פון דאקטאר. ווי עס האבען מיר פערזיכערט ד"ר דיקער און די קראנקען-שוועסטער, האט רייטבערגער אין משך פון זיין ווייל'ען אין שפיטאל קיין שום מעדיקאמענטען זיך נישט געקויפט, כאטש ער האט ארויסגערופען דעם איינדרוק פון א קראנקען, וועלכער מיסברויכט מיט נארקאטיק. ביים איינשרייבען זיך אין שפיטאל האט ער מיטגעבראכט מיט זיך אנ'אנגעהויבען שאכטעל מיט ארשעניק-איינשפריצונגען און מיט'ן וויסען פון דאקטאר האט מען איהם פון דעמזעלבען שאכטעל פארטגעזעצט די איינשפריצונגען.

צום סוף ערלויב איך זיך ארויסצוזאגען עטליכע ווערטער, חשוב'ער ה' רעדאקטאר, אויף אייער אדרעס. איך בין געצוואונגען אויסצודריקען מיין טיעפסטען בעדויער, אז איהר האט נישט געפונען פאר נויטיג, בעפאר איהר האט פערעפענטליכט דעם בריעף פון ה' רייטבערגער, פעסטצושטעלען אין שפיטאל די ריכטיגקייט פון זיינע פארוואורפען. עס איז אויך בעדויערענסווערט, אז איהר האט ביז איצט — ווי איהר האט אונטערגעשטראכען אין דער בעמערקונג פון דער רעדאקציע — אויסבעהאלטען פאר דער עפענטליכקייט א גאנצע רייהע בריעף מיט אנקלאגעס אויף ד"ר וויסבערג, נישט פארשטעלענדיג זיי דעם אונטען-אונטערגעשריבענעם. איך בין איבערצייגט, אז די דאזיגע בריעף שטאמען פון פערזאנען עהנליכע צו רייטבערגער'ן, און די פארוואורפען זענען געווען פונקט אזוי אונבעגרינדעט ווי אין דעם בריעף, וועלכער איז לעצטענ'ס אין אייער וו. צייטונג פערעפענטליכט געווארען.

וועלענדיג, אז דער שפיטאל זאל שטעהן אויף דער געהעריגער הויך פון זיינע אויפגאבען און אז זיין ציעל, נעמליך: דאס געזונד מאכען פון קראנקען זאל וארגפעלטיג ערפולט ווערען, מוזען מיר זארגען וועגען א געהעריגער ארדנונג אין שפיטאל, קעמפענדיג מיט אונקולטורעלע יחידים, וועלכע בעמיהען זיך אריינצוברענגען אין שפיטאל אונארדנונג, כאאס און שמוץ. ווען איהר, חשוב'ער ה' רעדאקטאר וואלט געהערט די קללות, מיט וועלכע מען בעשענקט דער ד"ר וויסבערג און אנדערע דאקטוירים, בעת זיי לאזען נישט צו צום בעט פון אפערירטען אויף „בלינד-דארם“ (שלעפע קישקע) די מוטער אדער די מוהמע, וועלכע ווילען בכח אריינשטופען אין מויל פון קראנקען „איינגעמאכטס“ אדער אנדערע מאכלים; ווען איהר, ח' ה' רעדאקטאר וואלט געוואוסט, ווי האפנונגסלאז עס איז אונזער קאמף געגען דעם אריינגנב'ענען זיך פון מענשען אין די שפיטאל-זאלען--פארנאכט, ביינאכט און איינדערפריה; ווען איהר וואלט געזעהען ווי דאס בעט פונ'ם קראנקען איז ארומגערינגעלט פון צעהנדלינגער מענשען, פרויען מיט קינדער אויף די הענד, אזוי, אז דער קראנקער האט פשוט נישט מיט וואס צו אטעמען; ווען איהר וואלט בעוויליגט צו בעזוכען שבת דעם שפיטאל, בשעת די זעהונגען, אבסערווירענדיג די מאסען מענשען, וועלכע שפאצירען ארום איבער'ן שפיטאל, נישט האבענדיג אפילו קיינע בעקאנטע צווישען די קראנקע און קומען נור, בכדי צו פערטרייבען די פרייע צייט—דאן — בין איך טיעף איבערצייגט — אז איהר, ח' ה' רעדאקטאר וואלט נישט געשריבען אויף אזא אופן געגען ד'ער דאקטאר'ין, וועלכע, נעהמענדיג אין בעטראכט איהר שטעלונג אין שפיטאל, איז זי דאך געצוואונגען צו בעקעמפען דאס אלין אום נישט צו דערלאזען אז דער שפיטאל זאל פערוואנדעלט ווערען אין א הקדש. ד"ר וויסבערג ארבייט זעהר פלייסיג און ווידמעט אלע איהרע כחות פאר'ן שפיטאל; זי זאגט נישט אב די מינדעסטע הילף די קראנקע—נישט נור בייטאג, נור אויך ביינאכט—און דערפאר פערדיענט זי א האר'ציגען יישר כח און בשום אופן נישט קיין שיקאנעס אין דער פרעסע.

ליידער זענען מיר נישט בכח צו העלפען אלע קראנקע און דעריבער ווערען תמיד זיך געפונען אונצופרידענע פון דעם אדער יענעם דאקטאר. דאריבער, איז דער שכל הישר מחייב אז מען מוז כלערליי פארוואורפען געגען די דאקטוירים, בעפאר זיי ווערען פערעפענטליכט אין דער פרעסע, קאנטראלירען ווי געהעריג, אונטערוואורפענדיג זיי דער קריטיק.

בעגרינדעטע פארוואורפען בין איך תמיד גרייט אין אכט צו נעהמען און דאריבער בעט איך געפעליגס נישט אויסצובעהאלטען אזעלכע בריעף, נור פאדערען פון מיר, אדער פון שפיטאל-קוראטאריום, ערקלערונגען.

דאנקענדיג פאראויס פאר'ן פערעפענטליכען דעם געגענווארטיגען בריף צייכען איך מיט דרך-ארץ

הויפט-דאקטאר פון יודישען שפיטאל

ד"ר ל. באטאוויא.

בעמערקונג פון רעדאקציע:

צו דעם טייל פון בריעף וואס איז געווענדען צו אונז, און די פארוואורפען וואס ה' ד"ר באטאוויא מאכט אויף אונזער אדרעס, וועלען מיר נאך צוריק קומען.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון יודישען הויזווירטען-פעראיין.

פערגאנגענעם מאנטאג איז אין אייגענעם לאקאל, אלעע 10, פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון היגען יודישען הויזווירטען-פעראיין.

די פערזאמלונג עפענט פרעזעס ה' וועקסלער, וועלכער שטעלט זיך אב אויף דער שווערער לאגע פון די בעלי - בתים, וואס ווערען בעלאסטעט פון א רייהע שטייערן, איבערהויפט ביי אונז אין טשענסטאכאוו. דער פעראיין שטעהט אבער אויף דער וואך און רעאגירט אויף יעדע עולה. מען קען נישט זאגען אז די לאגע איז א בעפרידיגענדע, אבער ווען דער פעראיין וואלט נישט עקזיסטירט וואלט די לאגע געווען א סך ערגער. ער אפעלירט דאריבער צו די אנוועזענדע אין זייער אייגענעם אינטערעס זיך מעהר פעראינטערעסירען מיט'ן פעראיין.

אלס פארזיצער ווערט איינשטימיג אויסגעוועהלט ה' יוזעף אימיך, אלס בייזיצענדע די ה"ה ד"ר גייסלער, מ. רייכער און ה. בערלינער, אלס סעקרעטאר ה' בעסער.

סעקרעטאר סטוד. ראדאל, לעזט דעם פראטאקאל פון דער לעצטער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכער ווערט גענומען צו קענטניס.

דעם טעטיגקייטס-בעריכט גיט אב ה' ראדאל, וואו ער רעכענט אויס וויפיעל זיצונגען, קאנפערענצען און איינטערווענצען די פערוואלטונג האט אבגעהאלטען, אויך וועגען די פערטרעטונגען פון פעראיין, ווי למשל אין קרייז-געריכט, ארבייטס - געריכט און ביים ארבייטס-אינספעקטאר.

דאן בעריהרט ה' ראדאל די פראגע וועגען אינקאסע פאר וואסער וואס די בעלי - בתים מוזען איינקאסירען און אויך וועגען דעם „נאדמיאר“, וואס איז בעשטעטיגט געווארען אהן הסכמה און מיטפערשטענדיגונג פון די בעלי-בתים. עס האבען נישט געהאלפען אלע איגטערווענצען ביים מיניסטעריום, ווארום אומעטום וואו „אולען“ האט אדורכגעפיהרט די קאנאליזאציע מוזען די בעלי-בתים איינקאסירען פאר וואסער ביי די לאקאטארען, וועגען דער פראגע פון „נאדמיאר“ וועט זי נאך בעטראכט ווערען מיט א דעלעגאציע וואס וועט זיך פארשטעלען דעם קאמיסאר.

אין דער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט די ה"ה הארוויטש, וויינשטאק, בעסער, קאפינסקי, בערלינער, טאטארקע, ראדאל, וועקסלער, גאלדשטיין, נ. ד. בערלינער, א. י. ראזענצווייג, ראזען א"א.

אין רעזולטאט ווערט דער בעריכט אנגענומען.

עס ווערט דאן רעפערירט דער בילאנס פאר'ן יאהר 1930 און דער בודזשעט פאר'ן יאהר 1931 אין דער סומע פון 5400 זל. מיט'ן רעכט צו העכערן אויף 10 פראצענט, וועלכער ווערט איינשטימיג אנגענומען.

אין דער פערוואלטונג ווערען אויסגעוועהלט אויפ'ן ארט פון די אבטרעטענדע די ה"ה ראדאל, נירענבערג, ווארשאווסקי, גאלדשטיין, שלצער. אין דער רעוויזיאנס-קאמיסיע די ה"ה וויינשטאק, ראזענצווייג, קאהאן, קאנגרעצקי און לאנדוי.

מיט דעם ווערט די פערזאמלונג געשלאסען.

דער קאנצערט פון די שילער פון דער פיאניסטין פרוי קאפעצקא.

שבת דעם 27 יוני איז קאמעראלזאל פארגעקומען אזוי ווי אלע יאהר צום ענדע שול-יאהר דער XI אויפטריט פון די שילער פון דער בעקאנטער אין אונזער שטאדט פיאניסטין פרוי קאפעצקא, וועלכער האט געהאט א אונגעהויערען ערפאלג.

יעדער בעזונדערער נומער איז מיט ענטוזיאזם אפלאדירט געווארען דורך דעם צאהלרייכען מוזיק-פובליקום וועלכעס האט אנערקענט אז אזא ווערטפולען קאנצערט קען אהערשטעלען נור אזא בעגאבטע מוזיקערין, לאנגיעהריגע פראפעסארין פון די ערשטקלאסיגע אייראפעאישע קאנסערוואטאריומס ווי פרוי קאפעצקא.

הויפטזעכליך האט זיך ארויסגעוויזען איהר קונסט ביים שפילען מיט'ן אקאמפאניאמענט פון II פארטעפיאן. ווען מען דארף זיך צופאסען צום סאליסט און אין דעם ליגט די גאנצע מוזיקקענטניש. פרוי קאפעצקא בילדעט אויס מוזיקער נישט קיין קלעזמער, דען זי אפפערט איהר צייט נאר פאר פארטגעשריטענע שילער.

דאס אויספיהרען פון די נומערן איז געשטאנען אויף דער געהעריגער הויך און מען מוז פעסטשטעלען דאס עס זענען געווען אין פראגראם בלויז שווערע קלאסישע ווערק ווי: באך, מענדעלסאן, שאפען און בעטהאווען.

אין דער ערשטער רייהע פון די שילער מוז מען אויסשטעלען פרל. אדא ראדאל און קאזימיעזש בעם.

פרל. ראדאל האט געשפילט C-moll ערשטע טייל פון בעטהאווען. און עס האט זיך געפיהלט, אז זי פערשטעהט וואס זי שפילט, האט געפיהל פון סטיל און בעזיצט אלע וואלארען אויף א ערשטקלאסיגע ארטיסטין אין דער צוקונפט.

ה' קאזימיעזש בעם ווייזט אויס צו זיין אין דער צוקונפט א ספעציאליסט פון שאפענס זאכען, וואס ער קען דערגרייכען ביי זיין גוטער טעכניק. עס איז צו האפען, דאס ביי גינסטיגע אומשטענדען וועט עס איהם געלונגען, דען ווי מיר איז בעקאנט ווייל ער זיין קאריערע זוכען אויפ'ן ארטיסטישען געביעט.

עס דארפען אויך דערמאנט ווערען די שילערינס פרל. לערנער, שמולעוויטש, ראזענבלאט און בעם, וועמענס מוזיק אויספיהרונג איז געווען ריין, ריטמיש, א אויסגעצייכענטע פעדלאציע אין זכרון.

דאס אנוועזענדע מוזיק פובליקום האט געהאט א אמת'ן נחת רוח, וואס עס האט בעוויזען די לאנג - דוירענדע אפלאדיסמענטען.

מ. קרעמסקי.

דאס צוטיילען די צייגנישען אין די היגע פאוושעכנע שולען.

פערגאנגענעם שבת איז אין די היגע יודישע פאוושעכנע שולען צוטיילט געווארען די צייגנישען די שילער פון די 7-טע אבטיילונג.

בעזונדערס איז אויסגעפאלען פייערליך די צוטיילונג פון די צייגנישען אין דער שולע נומער 12.

עס זענען געווען אנוועזענד אלע עלטערן, לעהרער-פערסאנאל, עלטערן-קאמיטעט, ווי אויך איז איינגעלאדען געווארען דער פרעדיגע פון דער נייער סינאגאגע ד"ר הירשבערג.

דירעקטאר מרגליות עפענט די פערזאמלונג און האלט א קורצע רעדע מענינא דיומא, דאן זינגט מיט'ן שולכאר עטליכע לידער דער קאנטאר ה' פישעל וואס מאכט א גוטען איינדרוק אויף אלע אנוועזענדע.

דאן רעדט נאך ד"ר הירשבערג און אין נאמען פון עלטערן - קאמיטעט ה' ש. פראנק, דער כאר זינגט דעם פוילישען הימן און התקוה.

עס ווערען צוטיילט די צענזורען און די שילערין שטאהל האלט א שעהנע דאנק רעדע אויפ'ן אדרעס פון דירעקטאר און לעהרער פערסאנאל.

די פייערונג האט אויף אלעמען געמאכט א גוטען איינדרוק.

די פייערליכע תפלה לכבוד דאס ענדיגען פון שול-יאהר.

פערגאנגענעם פרייטאג איז אין דער נייער שוהל פארגעקומען א פייערליכע תפלה איינגעארדענט לכבוד דאס פערענדיגען דאס שול-יאהר.

עס זענען פערזאמעלט די שילער פון יודישען גימנאזיום, פון ד"ר אקסערס גימנאזיום, וויינשטאקס שולע, די שילער די יודישע פאוושעכנע שולען און די שילער פון די האנדווערקערשולע א. ז. וו.

קאנטאר ה' פישעל זינגט דאן מיט'ן כאר עטליכע קאפיטלען תהילים און תפילות, דאן האלט דער פרעדיגער ד"ר הירשבערג א רעדע מענינא דיומא, שפעטער ווערט דורכ'ן כאר געזינגען דער פוילישער און יודישער הימן און מיט דעם ווערט די פייערונג פערענדיגט.

די שילער פון יודישען גימנאזיום מארשירען דאן מיט'ן ארקעסטער צוריק אין די שולע אריין, וואו עס קומט פאר די צוטיילונג פון די „שוויאדעצטוועס“, אויך אין גימנאזיום פון ד"ר אקסער זענען דעמזעלבען טאג צוטיילט געווארען די צייגנישען.

דאס בעווייזען זיך פון שימעל, וואס איז א שונא פון צוגעריכטע פרוכטען, מארמעלאדע, גאלארעטע, אוגערקעס, פרוכטען-זאפט אזוו. קען מען אויסמיידען דורך בענוצען דר. עטקער'ס „קאנסערוויר-מיטעל“. די אממיינסטען גענוצטע פארשריפטען קען מען בעקומען אומזיסט אין יעדען שפייז-געוועלב וואס פיהרט ד"ר עטקער'ס אויסארבייטונגען. אינפאל ווען עס האט אויסגעפעהלט בעטען מיר שרייבען א פאסט-קארטעל אין דער בעקאנטער פירמא: ד"ר אויגוסט עטקער, דאנציג, אליוואַ, וועלכע וועט שיקען די פארשריפטען אהן שום קאסטען.

צו דער 27-טער יאהרצייט פון ד"ר הרצל ז"ל.

ווי אלע יאהר, וועט אויך דאסמאל דער טאג פון כ' תמוז, די יאהרצייט פון אונזער גרויסען, אונשטערבליכען פאלקס-פיהרער, וואס קומט אויס אין קומענדען זונטאג, דעם 5-טען יולי, אויסגענוצט ווערען לטובת דעם „קרן-קימת“, וואס זיין ציעל איז אויסצוקויפען וואס גרעסערע ערד-שטחים אין אונזער אלטניילאנד, ארץ-ישראל.

די אקציע פאר'ן קק"ל וועט זיין: אין הויז-זאמלונגען, פערקויף פון „נאלעפקעס“ א. אז. וו. וואס די ציוניסטישע יוגענד וועט אדורכפיהרען אין משך פון זונטאג, מאנטאג און דינסטאג, און וואס ס'איז צו ערווארטען, אז די היגע יוד. בעפעלקערונג וועטווארים אונטערשטיצען די זאמלונג פון ק"ק אקציע.

א קאנפערענץ מיט דער פינאנס-מאכט.

כדי צו בעלייכטען א רייהע פראגען, וואס זענען פערבינדען מיט'ן אויסמעסטען דורך דער פינאנס - מאכט די שטייערן, האט די האנדעלס - קאמער פון סאסנאוויץ צונויפגערופען א ספעציעלע קאנפערענץ אין וועלכער עס האט זיך בעטייליגט א ספעציעלער דעלעגאט פון דער פינאנס - קאמער אין קעלץ, און אויך א גרויסע צאהל ראטגעבער פון דער האנדעלס-קאמער.

די הויפט פראגען, וואס זענען בעהאנדעלט געווארען זענען נוגע געוועזען דער אויסמעסטונג פון הכנסה און אומזאץ שטייער.

עס זענען דאריבער ארויסגערוקט געווארען א רייהע פראגען וועגען סעקוועסטער, ליציטאציעס און אינגאנצען בעפרייען פון שטייערן, אויך וועגען א רייהע פראגען פון פעהלערהאפטען אופן פון רעכנען פון די פינאנסאמטען.

אין דער דיסקוסיע איבער די אנגעלעגענהייטען האבען זיך ארויסגעזאגט די ראטמענער: דאווידאוויטש, גוטענשטיין, גורלינסקי, פיאטראווסקי, פאטאק, רובינליכט, וויינשטאק א. א.

בנוגע דעם אומזאץ שטייער פון יאהר 1930, וועלכער איז נאך אלעמענס מיינונג ווייט צו גרויס אבגעשאצט געווארען און איז קיין שום פראפארציע נישט צו דיווירקליכע אומזאצען אין די בעזונדערע בראנזשעס, איז ארויסגערוקט געווארען פאלגענדער פארשלאג:

1) צוצואיילען דאס אדורכזעהן די רעקורסען געגען די ארויפגעלעגטע גרויס פון אומזאץ שטייער, ביים גענויען נאכפארשען די אריינגעטראגענע רעקורסען.

2) פערקלענערען דאס איינציהען פון דעם דאזיגען שטייער ביז דער סומע, וועלכע די קאמיסיע האט פארגעטראגען ביים בעטראכטען דעם רעקורס.

3) איינפיהרען פערלייכטערונגען און מאכען הנחות ביים איינצאהלען דעם פעסט שוין בעשלאסענעם שטייער אויף לענגערע און קלענערע ראטעס.

די אלע פאסטולאטען זענען ארויסגערוקט געווארען אלס די מינימאלסטע פאדערונגען פון די סוחרים און אינדוסטריעלער אין איצטיגען מאמענט.

אויסער דעם זענען אנגענומען געווארען א רייהע סטאווקעס בנוגע דער גרויס פון הכנסה שטייער אין די בעזונדערע בראנזשעס, וועגען וואס די שטייער אמטען וועלען פון דער פינאנס-מאכט אין קורצען בעקומען ספעציעלע צירקולארען.

שטרייק פון די צווישענשטאדטישע אויטאבוסען.

אזוי ווי מען האט פריהער געזאגט איז מיטוואך, דעם 1 ליפיעץ אויסגעבראכען אין גאנץ פוילען דער שטרייק פון די צווישענשטאדטישע אויטאבוסען וועלכע האבען זיך אינגאנצען אבגעשטעלט.

ווי בעוואוסט קומט פאר דער שטרייק צוליעב דעם וואס די אויטאבוסן-אייגענטימער זענען נישט איינשטימיג מיט דעם נייעם וועג-שטייער וואס די רעגירונג האט אויף זיי ארויפגעלעגט ערקלערענדיג אז דאס צאהלען אזא הויכען שטייער מאכט זיי אונמעגליך צו קענען עקזיסטירען.

ביי אונז אין טשענסטאכאוו געפונען זיך ביז 70 צווישענשטאדטישע אויטאבוסען, וועלכע קורסירען צווישען די פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך ארום טשענסטאכאוו, וועלכע האבען פון מיטוואך אן אויפגעהערט צו קורסירען.

די אויטא-דאראזשקעס ווייזט אויט זענען נאר טיילווייז צוגעשטאנען צום שטרייק, ווייל מען זעהט אין גאס נאר איינצעלנע אויטא-דאראזשקעס.

מען זאגט אז אין שטרייק אין גאנץ פוילען נעמען אנטייל ביז 250 טויזענד שאפערען, ווי לאנג דער שטרייק וועט דויערען קען מען נישט פארזעהען.

דאס אבשטעלען די אויטאבוסען-קאמוניקאציע פיהלט זיך אממעהרסטען אין די שטעדטלעך וואס האבען נישט קיין באהן און וועלכע מוזען זיך בענוצען מיט פערד און וואגען וואס עס בעשווערט זעהר שטארק די פערבינדונג צווישען די שטעדט.

Niema niebezpieczeństwa

dla zapraw
gdyż od pleśni i fermentacji uchroni je

Dra Oetkera
środek konserwujący

Jest to najprostszy, najtańszy a mimo to znakomity sposób zapobiegawczy. Torebka **Dra Oetkera środka konserwującego** wystarczy na zabezpieczenie 10 funtów zaprawionych owoców, galarety, marmelady, soków owocowych, ogórków itd.

Sposób użycia jest opisany na każdej torebce.

Dra Oetkera przepisy do zapraw można otrzymać bezpłatnie w odnośnych składach. Żądajcie tam ulubionych książeczek z przepisami **Dra Oetkera.** Gdy ich w składzie zabraknie, dostarczy bez kosztów

Dr. A. Oetker, Gdańsk-Oliwa

Zastępca: I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 15.
Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927.

קאָמוּניקאַט.

דערמיט זענען מיר מודיע אונזער ג' קונדשאַפט, אַז

יעדער אָריגינעלער זאַק אַמאָניאַקאַל=זאָדע (ביעלידלאַ)

פון די

ZAKŁADY SOLVAY w POLSCE

איז בעצייכענט מיט אַנ'אויפדרוק

ZAKŁADY SOLVAY w POLSCE
T. z O. P
SODA KALCYNOWANA
(AMONIAKALNA)
98%

און איז פערזעהען מיט אַ פאַבריק פלאָמבע.

דער אויפדרוק און די פלאָמבע גאַראַנטירען די פולווערטיגע אויסאַרבייטונג, אויף וואָס מיר בעטען אכטונג צו געבען ביים קויפען.

Zakłady Solvay w Polsce
Oddział w Częstochowie
ul. Handlowa 3, tel. 5 23.

וואַרשא, אין יוני 1331.

אַכטונג: שולדיגע אין פערשפרייטען פאַלסיפיקאַטען אַלס אונזער אָריגינעלע אַמאָניאַקאַל-סאָדע (ביעלידלע) וועלען צוגעצויגען ווערען צו גע-ריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט.

Cegielnia „ŁOJKI" B-ci Zandstein

w GNASZYNIE

podaje do wiadomości Sz. właścicieli domów i przedsiębiorców budowlanych, iż sprzedaje cegłę maszynową z pieca Hoffmanowskiego I gatunku po zł. **56**, a cegłę maszynową II gatunku po zł. **46** — za 1000 sztuk franko plac budowy.

Zamówienia przyjmują:
Bracia ZANDSTEIN
w CZĘSTOCHOWIE,
ul. Kościuszki 3-b Telefon 1-52.

Nie wyrzucajcie Waszych pieniędzy!

Kupując mydła zamiejscowych fabryk płacicie wyższe ceny za kosztowne plakaty i koszty przewozu, podczas



gdy mydło z „Rybką" jest lepsze i przytem tańsze.

Używajcie Mydło -- tylko z Rybką.

Częstochowska Fabryka Mydła
DZIUBAS i FISZEL
SPÓŁKA AKCYJNA.

פּראָטעסט!

דער יודישער מעטאַל-צעך אין טשענסטאכאוו פּראָטעסטירט אַמשאַרפסטען געגען דער האַנדלונג פון יודישען הויזווירטען-פעראיין אין טשענסטאָכאָוו, איבערהויפּט געגען זייער פּרעזעס ח' היים וועקסלער, וועלכער האט בעת עס האט זיך געהאַנדעלט וועגען אַוועקגעבען די הויז-שילדען נומערלעך צו די וואוינונגען און מעלד-סטעמפּלען לויט די פעראָרדנונג פון מיניסטער-יום, האָט מען איגנאָרירט די יודישע גראַווירער און נישט נעמענדיג ביי זיי קיין אָפּערטע אַפילו האָט מען עס אַוועקגעגעבען צוזאַמען מיט'ן קריסטליכען הויזווירטען פעראיין, וועלכע האבען דאָס בעשטעלט אין דער פרעמד און פערשטעהט זיך אַז נישט ביי קיין יודען.

אַזאַ האַנדלונג פון אַ יודישען הויזווירטען-פעראיין לגבי יודישע בעל-מלכות, איבערהויפּט אין אַזאַ קריטישער צייט איז פּשוט אַ פערברעכען און אַלס אַזעלכע פּראָטעסטירען מיר ווי אַמשאַרפסטען און שטעלען דאָס אוועק פאר דער ברייטער יודישער עפענטליכקייט צום משפט.

מיט דרך ארץ
פערוואלטונג פון מעטאַל-צעך.

בעקאַנטמאַכונג.

איך מאַך בעקאַנט די פעראינטערעסירטע געעהרטע קונדשאַפט, אַז עס איז

געעפענט געוואָרען
אַ גרויסער הורט=מאַגאַזין
פון שפּייז=אַרטיקלען
אויף אָגראָדאָווע 21, הויף, פּאַרטער

א. ד. פּ.

מ. באַנד

וואו עס איז צו בעקומען אַלערליי מעהל און שפּייז-פּראָדוקטען.
ביליגע פרייזען.   רעיעלע בעהאַנדלונג.
געדענקט די אדרעס: **M. BAND, Ogrodowa 21.**

Rutynowany buchalter-bilansista i korespondent polsko - niemiecki z wieloletnią praktyką w przemyśle i handlu przyjmie pracę stałą lub na godziny ewent. do domu.

Oferty pod „Organizator" do redakcji „Częstochower Cajtung" lub tel. 7-39.

ס'ווערט געזוכט אַ שותף

צו אַ גוט = איינגעפיהרט געשעפט וואס עקזיסטירט שוין איבער 30 יאָהר ערקינדיגען זיך ביי ה' האָראָוויטש, וואַרשאווער 5, אין געוועלב.

KOSTJUMY kąpielowe

damskie, męskie i dziecięce
Najnowsze modele.
Wielki wybór.
Ceny b. niskie

M. OPATOWSKI
II Aleja 35
podwórzu

לופט, ווי פּשוט די בעשפּייזונג.

בכלל טראַכט מען אין די „טאָז"-קרייזען וועגען אַ בעשפּייזונגס-אַקציע פאַר די הונגער לײַדענדע קינדער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט די האַלב-קאָלאָניעס פון „טאָז" ווערט געפיהרט אַ זאַמעל-אַקציע צווישען דער בעפעל-קערונג. עס איז צו האָפען דאָס די אַקציע וועט וואַרעם אונטערשטיצט ווערען דורך דער יודישער בעפעל-קערונג.

דער קינסטלער ד"ר באַראטאָוו אין טשענסטאָכאָוו.

ווי מיר ווערען געוואויר, וועט אין די נעכסטע טעג ווײַלען אין אונזער שטאָדט דער בעריהמטער קינסטלער ד"ר באַראטאָוו מיט זיין ערשטקלאַסי-גען אַנסאַמבל.

ד"ר באַראטאָוו, וועלכער האט גע-שפּיעלט לאַנגע יאָהרען אויף די רו-סישע און דייטשע ביהנעס און איז גע-ווען איינער פון די הויפּט סטאַר'ען פון ריינהאַרד און פּיסקאַטאָר טעאַטערען, איז לעצטענס אַריבער אויף דער יודי-שער ביהנע.

זיינע אויפטריטען אין וואַרשא זע-נען געווען אַ געשעהעניש און די וואַר-שאווער פּרעסע האט איהם געווידמעט גאַנצע זייטען מיט לויב געזאַנגען.

Dr. Med.
M. Feiner-Hallemanowa
b. lekarz szpitali
w Krakowie i we Wiedniu
ordynuje
w chorobach dzieci
od 3—5 po poł.
P. Marji 41, telef. 878

אַ הזכרה צו דער 27-טער יאָהר-צייט פון ד"ר הערצל.

זונטאג 11 אַזייגער פריה וועט אין דער שטאָדט-שוהל פאָרקומען אַ הזכרה לכבוד די יאָהרצייט פון ד"ר הערצל און עס וועלען אַרויסטרעטען אַ רייהע רעדנער מיט רעפעראַטען מעגינא דיומא.

אַ נייער רעגירונגס-קאָמיסאַר.

די וואָך האָט איבערנומען זיין אַמט דער נייער היגער רעגירונגס-קאָמיסאַר אין מאַגיסטראַט, ה' יוזעף מאַזור, וועל-כער איז ביז-איצט געוועזען קאָמיסאַר פון דער קראַנקען-קאַסע אין אָסטראָ-וויעץ און אין משך פון אייניגע וואָכען קאָמיסאַר אין פּיעטרקאָוו און אויך אין טאַרנאָוו.

דער נייער קאָמיסאַר האָט שוין נעכ-טען אַנגעהויבען אַמטירען.

יעקב ווייסליץ אין טשענסטאָכאָוו.

זונטאג דעם 5 ד"ח 9 אַזייגער אָוועגד וועט דער בעקאַנטער קינסטלער דער פּילאַר פון דער ווילנער טרופּע, ה' יעקב ווייסליץ געבען אַ קאָנצערט-אָוועגד אין זאַל קאַמעראַלני.

ה' ווייסליץ איז איינער פון די גע-צעהלטע רעציטאַטאָרען, וועלכעס יע-דעס וואָרט איז געשליפען און ווערט אויסגעזינגען ווי פון אַ אמת'ן קאָנצערט רעציטאַטאָר.

זיינע אָוועגדען, וועלכע קומען פאָר אין אַ גאַנצע רייהע שטעדט אין פּוי-לען, ווערען אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם.

אין רעפּערטואַר די ווערק פון י. ל. פּרץ, ש. אַש, משה נאַדיר, בערגעל-סאָן, לייוויק א. אנד.

דאָס בעסערע יודישע טעאָטער פּוב-ליקום וועט בעזוכענדיג דעם אינטע-רעסאַנטען אָוועגד בעשטימט האבען דעם אמת'ן גייסטיגען גענוס.

בעריכטיגונג.

אין „וואָס געהערט, וואָס געזעהן" פון לעצטען נומער פון דער „טשענ-סטאָכאָווער צייטונג" איז געווען צווי-שען אנדערס אַ נאָטיץ וועגען אַ דין-תורה, וואָס איז פאָרגעקומען אין ראַ-בינאַט צווישען אַ פאָר פאָלק וואָס אַ שוואָגער אַ גלאָז סוחר האט געזאָלט צונעמען 300 זל. און דאָס זאָל זיין דער גורם צום גט.

בעהט אונז די יונגע פרוי צו בע-ריכטיגען אַז נישט ער האָט מיט איהר התונה געהאַט אויס רחמנות ווייל זי איז אַ יתומה, נאָר פערקעהרט, זי האט מיט איהם חתונה געהאַט אויס רחמנות און איהם אויסגעקליידט און געגעבען צו עסען, אין דער צייט ווען ער איז אַרומגעגאַנגען ליידיג, איצט ווען זי פאָדערט אַז ער זאָל אַרבייטען פאָדערט ער אַ גט.

פון „טאָז".

זונטאג, דעם 5 ד"ח, ווערט גע-עפנט דער ערשטער סעזאָן פון די האַלב קאָלאָניעס פאַר 120 קינדער.

איינגעשריבען האבען זיך איבער צוויי טויזענד יודישע קינדער, דאפון האט דער שול-דאָקטאָר קוואַליפיצירט אַרויסגעשיקט צו ווערען איבער 1300 קינדער.

די נויט איז זעהר גרויס, ביי פּיעל קינדער איז שוין די קאָלאָניעס נישט בלויז קיין פראַגע פון אביסעל פרישע

פון היינט פרייטאָג, דעם 3 יוני און ווייטערע טעג.
גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם!   צום ערשטען מאָל אין טשענסטאָכאָוו!
די גרעסטע סענסאַציאָנעלע ערצעהלונג

PIES BASKERWILLÓW

ריהרענדע דראַמא פון קאָנאַן ד'איל (שערלאָק האָלמס).
גרויסער סענסאַציאָנעלער פילם

LIST, KTÓRY JĄ ZDRADZIŁ (TAJEMNICE PIĘKNYCH PAŃ)

טראַגעדיע און שווערע איבערלעבענישען פון אַ אונשולדיגע, וועלכע מען איז חושד אין פערראַט.

קינאָ
CASINO.

די פרייזען זענען ערנידריגט
קרזעסלאָ פון
80 גראָשען.

DZIEWCZĘ z MONTPARNASSE'U

היינט און ווייטערע טעג. הערלי-כער שלאַגער פון „פּאַראַמונט"-דראַמא פון אַ שעהנער מיידעל וועלכע איז געוואָרען פערטריבען אין אַ גרויסער שטאָדט. אין דער טיטול-ראָל:

די בעצויבערענדע געדטרוד לאָורענס.

איבער'ן פּראָגראַם: **Edi Cantor-Peabody** און זיין בעריהמטער אָרקעסטער פיהרען אויס עטליכע שלאַגער-לידלעך. חוץ דעם „פּאַראַמונט קלאַנג-וואָך אַקטואַליטעטען.

Teatr „ODEON"

אַלעע 27.

לעצטער סעאַנס 9-30 אָוועגד.

קרזעסלאָ 1-טע—2-טע פּלעצער
1 זל. און 1 זל. 20 גר.